STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06027

FUN TIFN GEMIT

Anna Bogin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַננאַ באָגין

פון טיפֿן געמיט

לידער

●

ניו יאָרק
1951

Copyright, 1951
by
ANNA BOGIN
New York

Futuro Press, 476 Broadway, N. Y. 13

200

אינהאַלט:

דאָס ערשטע ליד — 5
פריער פרילינג — 6
אין קאָרן־פעלד — 7
אומעט — 8
אַ צענדליק יאָר פאַרשלונגען — 9
אַזוי ביזטו געשטאָרבן — 11
אויפן טויט פון מיין מאַמען — 12
צוויי שטיינער — 14
דיינע יורשים — 15
וויג־ליד — 16
אין פרילינג — 17
אָקטאָבער — 18
פּאָרטרעט — 19
די שלאָפנדיקע בערג — 20
חלום און וואָר — 21
מיין ליבסטער — 22
אין גאַלאָפּ — 23
איך האָב דיך אין שטורעם פאַרלאָרן — 24
אַריבערן באַרג — 25
יונגער געלעכטער — 26
אַ תפילה — 27
בייש ים — 28
מיינע סיגאַרעטן — 29
צו מערי׳ן — 30
דער אייביקער וועג — 32
עס וועט באַלד צופאַלן די נאַכט — 33
פאַרנאַכט — 34
עס וואַנדערן די שטערן — 35
איך גיי אַליין — 37
בילדער אויף די ווענט — 38
פרילינג־גראָזן — 40
פון אַלץ געניס — 41
סעינט לואי, 1941 — 42
ניו יאָרק — 43
דער שלאָף — 44
ניי לעבן — 45
וואָס בין איך? — 46
בראָדוויי — 47
צו אבא׳ן — 48
וויג־ליד — 49
אומעט — 50
דער קול — 51
צו די געטאָ־מאַרטירער — 52
אונדזער וואַלד — 54
דאָס אייביקע ליכט — 55

מיין פֿאָלק — 56
יידיש — 57
ביים ראַנד — 58
אין פּאַרק — 59
אין וואַלד — 61
ווי דער בוים — 62
אין די בערג — 63
די זילבערנע חתונה — 64
איך בין נאָך יונג — 65
גאָט — 66
קלאַנגען — 67
פרילינג רעגן — 68
פרילינג אין שטאָט — 69
אויף די גאַסן פון ניו יאָרק — 70
אז ווייי צום געלעכטער — 72
כמאַרעס — 73
קלאַנגען אין דער נאַכט — 74
אַ רפואה — 75
מלחמה־ליד — 76
שטערן אין די פענצטער — 77
שלום — 78
חלומות — 79
מדינת ישראל — 80
ווינטער — 81
שניי — 82
בענקשאַפט — 83
הענט — 84
וויג־ליד — 85
פרילינג — 86
אויף פליגל — 87
די גאָלדענע קייט — 88
מיינע שטערן — 89
שוין ווידער — 90
אַז עס וואַקסט א בוים — 91
דאָראָטי — 93
אין דער גרויער נאַכט — 94
צום נידער — 95
די נאַכט — 96
די ליידיקע וויג — 97
דער חלום — 98
ביים דעלעווער — 99
דער ניט געשריבענער בריוו — 100
צו מירע׳ן — 101
עס גייט אוועק אַ שיף — 102
מיין באָבע — 103
מיין איינציקער איינער — 104

דאָס ערשטע ליד

דאָס ערשטע ליד, דאָס ערשטע ליד! —
ס'איז ווי אַ קינד וואָס שטעלט די ערשטע טריט,
אַ טראָט פאָראויס, אַ טראָט צוריק,
און נאָך ניט זיכער איז דער בליק,
כאָטש יעדער טראָט ברענגט מיט זיך פרייד,
דאָך עס האַלט נאָך אַלץ דער מאַמעס קלייד.
ביז דאָס ניט־זיכערקייט פאַרשווינדט,
עס הייבט אַליין אָן גיין דאָס קינד
און גייט, און גייט, און גייט אַוועק,
און קלייבט זיך אויס זיין אייגן וועג.
טאַטע־מאַמע דאַן אַליין
מיט אומרו אים באַגלייטן ווייט:
זאָלסט נאָר, מיין קינד, געפינען חן,
געוואונטשטן חן, ביי גאָט און לייט.
אויך דיך, מיין ליד, מיין ערשטע ליד
דיך אין מיין האַרץ געטראָגן לאַנג,
דיך כאָוועץ ניט געוואָרן מיד,
זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג,
פאַר יעדער שורה, יעדן וואָרט
געזוכט דאָס ריכטיק, פּאַסיק אָרט.
ביז איך האָב דערהערט פון דיר דעם רוף.
איך האָב נשמה, איך האָב אַ גוף,
מיט שוואַרצן טינט אויף ווייס פּאַפּיר
האָב איך געזעגנט זיך מיט דיר.
אַצינד דעם וואַנדערשטעקן נעם,
גיי דיר פראַנק און פריי און ווייט;
איך בעט דיך מיך נאָר ניט פאַרשעם,
און חן געפין ביי גאָט און לייט.

פריער פרילינג

עס האָט מיך אויפגעוועקט דער פריער מאָרגן,
ווי עפּעס וואונדערלעכס עס וואָלט געשען,
קעגנאיבער פון מיין פענצטער
האָב איך דעם פרילינג אויף אַ וואַנט דערזען.

דער פרימאָרגן האָט פון שלאָף זיך נאָך געטשוכעט
און דער הימל האָט פון גרויקייט זיך געבלייכט,
נאָר אויף דער וואַנט האָט זיך אַ שטראַל אַ זוניקער
צעשמייכלט,
און עס האָט דער שמייכל מיר אין פענצטער אַזש דערגרייכט.

אין מיר אַליין, עס האָט דער שטראַל אַריינגעדרונגען,
און אַלע גלידער מיינע ווי אין כאָר —
זיי האָבן פריידיק זיך אין מיר צעזונגען,
עס האָבן זיך צעזונגען מיינע אַלע זעכצן יאָר.

אין קאָרן־פעלד

איך האָב מיך פארלאָרן
אין בונטן פון קאָרן,
גאָלדענע זאַנגען
מיך האָבן געפאַנגען.
ווי וואויל איז צו בלאָנדזשען
אין קאָרן פעלד גרינעם,
פון בלימעלעך בלויע
חלומות צו שפינען.
אַרום מיר א נעץ —
האָבן בליטן פארצויגן,
פון אויבן די שטראַלן
געבלענדט מיך די אויגן.
מיט אויגן פארמאַכטע,
אזוי זיך צו ליגן,
ווי וואויל איז צו ליגן
דער ווינט זאָל דיך וויגן.
מיך האָבן פאַרשלונגען,
די פלאַמיגע צונגען
פון זון, וואָס פאַרגאַנגען
א רויטע אין באַנגען.
איך האָב מיך פארלאָרן
אין בונטן פון קאָרן,
אין גאָלדענע זאַנגען,
מיין זון איז פאַרגאַנגען!

אומעט

ווען עס שלענגלט מיין וועג זיך —
דאָ גלייך און דאָ קרום,
און ס׳שאָרכען די בלעטער
פון ביימער אַרום, —
דאַן נעמט מיך אַרומעט
אַ פריידיקער אומעט,
איך ווייס ניט פון וואַנען עס קומט.

ווען עס קלייבן זיך שטראַלן,
זוניקע קוואַלן,
אין מערב־זייט צינדן זיך רויט,
דאַן נעמט מיך אַרומעט
אַ נאָגנדער אומעט,
אַ טאָג פון מיין לעבן פאַרגייט.
ווען עס ווייזן זיך שטערן,
אין מיליאָנען זיך מערן
אין הימל וואָס האָט ניט קיין ברעג, —
דאַן נעמט מיך אַרומעט
אַ בענקענדער אומעט,
ווייט איז דער טאָג שוין אַוועק.

ווען עס שפּרייט זיך די נאַכט אויס
אין שאָטנס געדיכטע
און אויגן עס קוקן אויף מיר אַזוי פיל, —
דאַן נעמט מיך אַרומעט
אַן איינזאַמער אומעט,
און עס לאַשטשעט דער איינזאַמער אומעט מיך שטיל.

אַ צענדליק יאָר פאַרשלונגען

אַ צענדליק יאָר פאַרשלונגען,
יאָרן קורצע און יאָרן לאַנג,
דאָס ליד נאָך ניט דערזונגען,
באַפרידיקט קיין פאַרלאַנג.

איבער ימען טיפע,
איבער פעלדער ברייט,
האָבן זיך מיינע יאָרן
ווייט, גאָר ווייט צעזייט.

קלייבט אַצינד זיי עמעץ?
זוכט אין זיי מיין גליק?
ווער זיי וועט געפינען, —
אַ, ברענגט זיי מיך צוריק.

איך וועל אייך מיינע יאָרן
אין בונטן גלייך פאַרטיילן,
יעדער בונט באַזונדער
אַ מעשה וועט דערציילן.

דערציילט די ערשטע מעשה
פון קינדער־יאָרן דינע,
צווישן בעריאָזעס ווייסע,
צווישן פעלדער גרינע.

און יונגע מיידל־יאָרן,
מיט יוגנטלעכע זאָרגן,
מיט אויגן פייכטע, מילדע,
ווי אין פרילינג אַ פרימאָרגן.

ווען אין האַרצן נאָגט אַ בענקשאַפט,
און וויים, נאָך ניט נאָך וועמען,
און פון אַ קוק אַ בחור'ס,
דאָס האַרץ הייבט אָן זיך שעמען.

און יאָרן רונדע, רייפע,
ווי אויפן פעלד די זאַנגען —
וואָס זיינען גרייט צום שניידן
און פול נאָך מיט פאַרלאַנגען.

און יאָרן גאָלד חלומות,
און זילבער אויפן וואָר,
ווען יעדן נייעם חלום
באַגלייט אַ גראָער האָר.

עס שפּיגלט זיך דאָס זילבער
אין זונענאונטערגאַנג,
עס בלייבן זיך די שאָטנס,
עס בלייבט נאָך אַ פאַרלאַנג.

אַזוי ביזטו געשטאָרבן

אַזוי ביזטו געשטאָרבן,
אַזוי ביזטו אַוועק פון אונדז,
אויסגעגליכן דיינע האָרבן,
אויסגעצויגן דיינע פּיס,
און רואיק איינגעשלאָפן זיס.

עס האָט רואיק ווער פאַרמאַכט דיר דיינע אויגן,
מיט אַ ווייסן צודעק צוגעדעקט,
און עס האָט אַ רואיקייט אין צימער זיך פאַרצויגן,
די שטילקייט בלויז אַליין האָט זיך באַוועגט.

עס האָט אויף דער וואַנט דעם שפּיגל ווער פאַרהאַנגען,
עס זאָל קיין שאָטן דיר ניט שטערן דאָ דיין רו,
בלויז די שאָטנס פון דער זון וואָס איז פאַרגאַנגען,
האָבן שטיל זיך אָפּגעשפּיגלט וואו.

אויפֿן טויט פֿון מײַן מאַמען

אין אַ קאַלטן טאָג אַ גראָען
האָבן וואָלקנס זיך צעשפּרייט,
ציען שעהען זיך נאָך שעהען,
ניט עס רעגנט, ניט עס שנייט.

אין אַ צימער אין אַ טונקל,
אויף אַ קלאָרן ווייסן בעט,
ווי אַ שאָטן אין אַ ווינקל
ליגט מײַן מאַמע אויפֿן בעט.

ערגעץ בלאָנדזשען אירע אויגן,
בלאָנדזשעט-מיט איר טיפֿער שׂכל,
אויף די ליפּן בלאַס פֿאַרצויגן
האָט זיך איר לעצטער שמייכל.

שוין האָט טויט זי אײַנגעצאַמט
אין אַ דיקער גראָער ראַם,
אירע זילבער האָר פֿאַרקאַמט ז
מיט אַ שוואַרצער קאַם.

און בײַם בעט דער שאָטן וואַכט,
ווייסט ניט קיינער וואָס ער טראַכט,
האַלט זיך אויף אַ האָר פֿון לעבן
און טויט לאַנגזאַם עפּעס וועבן.

און אַז ס׳געוועב וועט פאַרטיק ווערן
און דער שאַטן וועט פאַרשווינדן,
וועלן זיך אין הימל שטערן
העלע, ליכטיקע אָנצינדן.

עס וועט באַווייזן זיך לבנה,
עמעץ ברענגען אַ מתנה,
וועמען לייכט, און וועמען שווער
אין דער שטילער נאַכט אַ טרער.

צוויי שטיינער

עס גרענעצן זיך שטיינער,
גראָע שטיינער צוויי,
אונטן רוען ביינער,
רואיק שלאָפן זיי.

אויף איינעם וואַקסט אַ ביימל
העכער יעדן יאָר,
גראָזן אויפן צווייטן —
שוין דער צווייטער דור.

הויבט אַ ווינט אָן בלאָזן,
וויגט דאָס ביימל אום...
צו די יונגע גראָזן
קניט זי שטיל און פרום.
מיט די בלעטער גרינע
טוליעט זיך צו זיי...
וואַכן שטיינער גראָע,
שטומע וועכטער צוויי.

דיינע יורשים

שטיל געוועז דיין לעבן,
און שטילער נאָך דיין טויט ;
שטיל אויך דיינע זאָרגן,
און שטיל האָסט זיך געפרייט.

און דורכן לעבן שווערן,
דורך זאָרגן און דורך פרייד,
האָבן אויפגעבליט די קערן
וואָס דו האָסט פאַרזייט.

עס האָט ווער, פון דיר גע׳ירשנ׳ט
אַ גריבעלע מיט חן,
און ווער דעם שטילן אומעט
ווען ער בלייבט אַליין.

און ווער דעם אמת טיפן
פון דורות פיל געוועבט,
געריי ניקט און געשליפן
דורך זיי, דיין גייסט עס לעבט.

וויג־ליד

איך וועל מיין קינד דיר וויגן, וויגן
זאָלסט אין וויג נאָר רואיק ליגן,
לעבן דיר איך וועל וואַכן, וואַכן,
ביז׳ט די אויגעלעך פאַרמאַכן.

איך וועל מיין קינד, דיר זינגען, זינגען,
פון דיין וויגל ניט אָפּטרעטן,
ביז עס וועלן שלעפעריקע רינגען
מילד דיך נעמען גלעטן, גלעטן.

עס וועט מיין ליד דאַן שטילער ווערן,
קוים נאָר קוים מען וועט זי הערן,
און נאָך שטילער פון דעם ניגון
וועל איך דיר דאַן וויגן, וויגן.

אין פרילינג

אין פרילינג די ביימער צעבליטע זיך וויגן,
עס וויגט זיי אַ מילדער דער ווינט,
און פעלדער פאַרחלומטע ליגן
מיט בייטן וואָס קוועלן צעגרינט.
קוקסט אויפן הימל, אַ זוניקער וואַלד,
די שטראַלן ווי ביימער געדיכט,
דו קוקסט און אין טרערן די אויגן דיר האַלט,
און עס בלאָנדזשען מחשבות אין ליכט.
דו זעסט ווי עס שלומערט אַ שטילע די ערד
מיט וועב מיט אַ גאָלדן פאַרצויגן,
און עס שלומערט דיך אויך איין די גאָלד-בלויע רו,
עס ווערט דיר די ערד אַזוי נאָענט און אייגן —
זי חלומט דעם אייגענעם חלום, וואָס דו.

אָקטאָבער

אַ האַרבסטיקער הימל קוקט אויף דער ערד
אין טיפע רעיונות פאַרקלערט,
ווער קען די רעיונות פון הימל פאַרשטיין?
צי טראַכט ער פון וואַלד פון צעפלאַמטן אין רויט,
פון בלעטער וואָס פאַלן און ליגן צעזייט,
צי גאָר פון אָקטאָבערס פאַרכישופטן חן?
עס איז ניט דער חן פון פרילינג, פון מאַי,
וואָס טוט זיך אַ שפּיל און לויפט גיך פאַרביי.
און אויך ניט פון זומער צעקוועלטן, צעגרינט, —
דער חן פון אָקטאָבער איז רייף און באַזינט,
דו זעסט אים אין שפּיגל ביי זיך אין דערהיים,
זעסט דורכן פענצטער ווי עס וויגט זיך אַ בוים
און בלעטער עס פאַלן און פאַלן,
די צווייגן אַלץ שיטערער ווערן און שיטער,
און עס נעמט דיך אַרום אַזאַ האַרבסטיקער ציטער,
דו זעסט דעם געראַנגל פון לעבן און טויט,
פוןביימער צעפלאַמטע אין נעפל, אין רויט,
פון שטערן צעגליטע אין הימל אין בלויען
און שיטערער ווערן פון טאָג אַלץ די שעהען.
דו קוקסט אויפן שפּיל און דו זעסט זיך אַליין
אין האַרבסט, אין אָקטאָבער פאַרכישופט אין חן.

פאָרטרעט

עס איז איר פּנים אומעטיק
מיט טוי פאַרנאַטכיקן פאַרצויגן,
נאָר דורכן טוי נאָך מילדער ווערן
אירע מילדע מאַנדל-אויגן.

עס איז איר פּנים טרויעריק,
זי טראָגט דעם טרויער אין איר שווייגן
שטיל מיט זיך אַליין,
אָפּגעריסן פון די צווייגן,
ווי אין האַרבסט אַ בוים.

אויך ווי דער האַרבסט זי טראָגט איר אומעט —
ווירדיק, ווי אַ מלכה אויפן קאָפּ אַ קרוין,
צווישן בלעטער האַרבסטיקע
ווערט צאַרטער נאָך איר חן.

די שלאָפנדיקע בערג

די בערג פאַרהילט אין בלויען נעפּל,
הינטער זיי די זון האָט ווייט, זיך ווייט פאַרקליבן
און פון די בערג קאָנטורן בלויז פאַרבליבן
אין שאָטן אויך אַ בוים מיט זאַפטיק רויטע עפּל.
און עס זינגט דער בוים פון רייף און צייטיק ווערן,
פון טעג געציילטע וואָס פאַרשווינדן באַלד,
און פון דעם רויט-צעבליטן וואַלד,
וואָס וועט אין רויטן בלי פאַרצערן.
מיט בלויער שאַרפקייט קוקט אַראָפּ דער הימל,
און שטערן אָן אַ צאָל עס צינדן זיך, און צינדן
און פאַלן, פאַלן און פאַרשווינדן,
ביז זיי פאַרוויגן זיך אַליין אין דרימל.
די בערג פאַרהילט אין בלויען נעפּל,
אין שאָטן זינגט דער בוים מיט זאַפטיק רויטע עפּל.

חלום און וואָר

איך וואָלט נאָך איין מאָל געוואָלט נאָך ליבן,
נאָר איין מאָל געליבט נאָך זיין,
ווער ווייס וויפל ס'איז מיר נאָך פאַרבליבן
ביז דער עלטער דרינגט אַריין.

איך וואָלט נאָך אַ מאָל געוואָלט נאָך לאַכן,
זאָל האַרציק מיין געלעכטער קלינגען
און דורך די פרילינג נעכט כ'זאָל וואַכן,
און יעדער גליד זאָל אין מיר זינגען.

איידער עס הויבן אָן די האָר צו גראָען
מיד דער קערפּער ווערט און שווער,
זאָל עס געדויערן בלויז שעהען
און נאָכער גאָרניט מער.

איך וואָלט נאָך אַמאָל געוואָלט נאָך פילן
דעם יונגן פריידיקן באַגער,
און נאָכדעם שטיל אַזוי פאַרשטילן
און גאָרניט, גאָרניט מער.

מיין ליבסטער

איך זע דיך מיין ליבסטער אין חלום
אזוי ווי אמאָל אויפן וואָר
אביסל פאַרוויטלט דער פנים,
אביסל צעשויבערט די האָר.

איך פיל ווי דו שטייסט ביי מיין פענצטער
און קוקסט דורכן שייבל אריין,
עס איז פייכט ווי מיט טוי דיינע אויגן,
איך טרינק עס ווי זאַפטיקן וויין.

איך גנבה ארויס מיך פון שטיבל
צו דיר מיט אזוי פיל פאַרלאַנגען,
עס פירט אונז אַ זייטיק וועגל
צום פעלד פון די קאָרן מיט זאַנגען.

מיר ביידע ווי צוויי יונגע ביימער,
נאָר דו מיט אַ קאָפּ פאַר מיר העכער,
ס׳איז פרילינג און עס בליען די טרוימען
און פול איז מיט פרייד אונזער בעכער.

די נעכט און די טעג ווי אין שלייער
זיך פלעכטן אין בליטן אין ווייסע,
מען פלעכט אונז פון בלומען אַ טויער,
און איך בין דיין כלה די ווייסע.

איך זע דיך, מיין ליבסטער, איך זע דיך
אזוי ווי אמאָל, ווי אמאָל,
איך טרינק נאָך דיין זאַפט פון די אויגן
און שלינג יעדן קלאַנג פון דיין קול.

אין גאַלאָפּ

וואו איך גיי און וואן איך שטיי
איז מיין ליבסטער ביי מיין זייט,
אפשר דאַכט זיך מיר אַזוי;
אָט זע איך אויף אַ פערד ער רייט,
עס טראָגט דער פערד זיך אין גאַלאָפּ —
אַזאַ ריטם אין די טריט,
שטעלט דאָס הארץ ביי מיר זיך אָפּ,
נאָר דער ריטם טראָגט מיך מיט
ווי אויף פליגל ביי זיין זייט,
ביז מיין ליבסטער מיך דערקענט
און צו מיר ער זיך דערנענט,
נעמט מיך אויפן פערד אַרויף
און ער דריקט מיר שטאַרק צו זיך
און מיר טראָגן זיך וואו גיך,
אין דער לופטן אַזוי לייכט,
ערגעץ אין די וייטן, ווייט
מיט מיין ליבסטן ביי דער זייט.

איך האָב דיך אין שטורעם פאַרלאָרן

איך האָב דיך אין שטורם פאַרלאָרן
אין ווילדן אין שטויביקן ווינט,
פּלוצים דו ביזט ניט געוואָרן
אַזוי ווי אַ חלום פאַרשווינדט.

אַ קראַפט דיך געהאַלטן אין יאָגן
ווי כוואַליעס אין ברויזנדן ים,
און האָט אין דער פרעמד דיך פאַרטראָגן
ווייט פון דיין היים און דיין שטאָם.

דאָך ווייס איך דו ביזט ניט פאַרלאָרן;
דעם צוק פון דיין אָטעם איך הער,
איך פיל אויך דיין בליק פון דערווייטן
וואָס קוקט דורך אַ כמאַרע אַ שווער.

איך וועל דיך ניט זוכן אַפילו,
בלויז וואַרטן, כ׳וועל וואַרטן פאַר דיר.
אין פינצטערע נעכט און אין קילע
אָפן כ׳וועל האַלטן מיין טיר.

דער ווינט, דער וואָס האָט דיך פאַרטריבן
אין נעפּל געדיכטן און דיק, —
ער וועט דעם נעפּל צעוועיען
און דיך וועט ער ברענגען צוריק.

אַריבערן באַרג

קום מיט מיר, מיין ליבער,
דעם הויכן באַרג אַריבער
איידער די זון אין צונטער
זינקט נידעריק אַרונטער,
איידער די לעצטע שטראַלן
לעשן זיך, פאַרשווינדן
און באַרג און טאָל און הימל
אין איינעם זיך פאַרבינדן.
הינטער דעם באַרג דעם גרינעם,
הינטער דעם באַרג דעם הויכן,
וועלן מיר דאָרט די פּאַווע
די גאָלדענע געפינען.
אַז זי וועט אירע פליגל
די גאָלדענע צעפּאַכן,
וועט, וואונדער איבער וואונדער,
פון באַרג, פון טאָל, פון הימל,
דורך נעפּל דורכן בלויען
אַרויסשטראַלן במחון.

יונגער געלעכטער

לאַך מיין האַרץ ווי דאַמאָלסט, ווי אַמאָל,
ווען עס איז דיין לעבן ווי דער שטילער טייך געפלאָסן,
און דו געלאַכט האָסט האַרציק אויפן קול,
ביז עס האָבן זיך די אויגן דיר מיט טרערן אָנגעגאָסן.
געדענקסט נאָך יענע זומערדיקע טעג?
דעם ווילד צעוואַקסן וועג
דורך וועלכן מיט די חבר׳טעס ביזט זיך געגאַנגען באָדן,
און דו אַליין, מיט פרייד מיט ווילדן אָנגעלאָדן?
נאָך ציט דיך אַלץ אַהין: וואו יעדער שטיין פון יעדער וואַנט,
די גאַס, דער מאַרק, די לאַנגע רייען קראָמען —
אַלץ נאָענט דיר געווען באַקאַנט,
און יעדן האָסט געקענט ביים נאָמען.
דאָרט טיף פאַרוואָרצלט איז געווען דיין שטאַם,
די לופט אַליין האָט אָנגערעגט צו פרייד,
דער ווייסער בעז אין מאַי, דאָס פריש געשניטן היי,
אין וואַלד די מאַלינעס די זאַפטיק־רויט
און דו אַליין מיין האַרץ, ביזט יונג געווען אַזוי
עס האָט פון דיר ארויסגעשטראַלט די פרייד.
אַצינד איז דיין געלעכטער ווי פאַרשטווינט געוואָרן,
ווי עס וואָלט די וועיטקייט אים פאַרצוקט,
צי אפשר גאָר די יאָרן?
לאַך מיין האַרץ, אָן ווייטקייט, אָן דער צייט פאַרגעס,
נאָך שפּיר דעם אַראָמאַט פון יונגן בעז,
לאַך ווי דאַמאָלסט, ווי אַמאָל,
מיט אויגן פאַרטרערטע האַרציק אויפן קול.

אַ תפילה

איך דאַנק דיר גאָט באַשעפער
פאַר דיין פינצטערניש און ליכט,
פאַר דעם זאַלץ און פעפער
וואָס באַ׳טעמ׳ט פון לעבן דאָס געריכט.
איך דאַנק דיר פאַר די טייכן, ימען,
און פאַר די טראָפּנס רעגן טריבע,
איך דאַנק דיר פאַר מיין טאַטן, מאַמען,
פאַר מיינע נאָענטע און ליבע.
פאַר מיינע הענט, וואָס שפּינען, וועבן, רעדער דרייען,
אין שטוב, אין גאַס אין דער פאַבריק,
פאַר מיינע פיס וואָס טראָגן מיך און גייען
און ברענגען מיך אַהיים צוריק.
איך דאַנק דיר פאַר די פעטע ערד
וואָס ווערט צעאַקערט און פאַרזייט,
וואָס בליט און פרוכפּערט זיך און מערט,
און שפּייזט אונז מיט איר ברויט.
איך דאַנק דיר גאָט פאַר שניי און ווינט,
פאַר שטורעם און פאַר קעלט,
פאַר אַלץ וואָס בינדט מיך און אַנטבינדט,
וואָס איך פאַרמאָג, און וואָס מיר פעלט.
איך דאַנק דיר גאָט פאַר יעדן בוים,
אַפילו פאַר די שטויבן,
פאַר יעדן חלום, יעדן טרוים
און וואָס אין מיין האַרץ פאַראַן איז גלויבן.

ביים ים

דער ים אַזוי דורכזיכטיק גרין איז געווען,
די כוואַליעס ווי ריזיקע בערג
האָבן צום ברעג זיך געריסן,
און איך אויפן זאַמדיקן ברעג בין געזעסן —
געמיינט איך וועל געפינען דאָ רו.
דער רויש פון די כוואַליעס עס האָט מיך באַרוישט,
דער אויביקער ריטם פון אויביקן זיין,
פון זיכערער פרייד און פון זיכערן פיין,
פון זון וואָס גייט אויף און פאַרגייט אויפן ים,
פון שטערן וואָס צינדן זיך, לעשן זיך אוים,
פון אַלץ וואָס באַוועגט זיך אין צאַמלאָזן צאַם.
מיין אייגענער בליק בלויז עס בלאָנדזשעט אַרום,
עס וואַנדערט אַהין, און עס וואַנדערט צוריק
און זוכט אַלץ און זוכט דאָס פאַרבאָרגענע גליק.
אַ ים-פויגל ניד'ריק געפלויגן איז פויל,
און פון דערווייטן האָט פון רויך געקרייזלט זיך אַ קנויל;
פאַרביי געגאַנגען איז אַ שיף
און האָט אין האַרץ ביי מיר דערוועקט אַ בענקשאַפט אַזוי טיף.
איך האָב אַליין גאָר ניט געוואוסט נאָך וואָס? נאָך וועמען?
נאָר עס האָט דאָס האַרץ אַזש אָנגעהויבן קלעמען.
עס האָט אַן אומרו מיך אַרומגענומען,
ווען עס איז די שיף אַלץ ווייטער, ווייטער אַפּגעשוואומען
און ווי אויף שוואַנען-פליגל מיטן שטראָם פאַרשוואונדן גיך —
אַ לאַנגן וואַסער-עק געלאָזן בלויז נאָך זיך.
און איך בין לאַנג נאָך ביי דעם ברעג פון ים געזעסן,
זיך צוגעקוקט ווי עס פאַלט דאָס וואַסער צו,
ווי נידעריק עס זינקט די זון אַרונטער רויט,
און עס האָט מיין בענקענדיקער בליק
די ווייטקייט ווייט באַגלייט.

מיינע סיגאַרעטן

וואו זייט איר מיינע סיגאַרעטן?
מיינע איינציק ליבע פריינט?
ניט געלאַדן, ניט געבעטן,
מיט אייך וועל איך פאַרברענגען היינט.

לאַנג דער טאָג איז, לאַנג דער אָוונט,
און נאָך לענגער איז די נאַכט,
ווען אַרום דיר קיינער נאָענט,
טיר און פענצטער צוגעמאַכט.

דאַן כ'האָב ליב דעם רויך דעם דינעם
ווי ער שלענגלט זיך געשווינדט,
העכער, העכער איבער דעכער,
אין רוים פון אייביקייט פאַרשווינדט.

אַזוי שלענגלען זיך מחשבות
פון דעם היינט און פון אַמאָל,
פלעכטן זיך אין קנוילן לייכטע —
קנוילן אָן אַ צאָל.

און ווי דער רויך, די קנוילן שוועבן
הויך אַרויף צום בלויען הימל,
ס'הויבן זיך אָן חלומות וועבן,
עס נעמט מיך אַרום אַ זיסער דרימל.

צו מערי'ן

איך האָב היינט אַ בריוו באַקומען
פון דער ווייטער וועטס,
פון אַן אַלטן פריינט, —
איז מיר אַזוי פריידיק
אויפן הארצן היינט.
איך האָב מיין פריינט פארלאָרן
מיר דאַכט אין מיטן גאַס,
אין מענטשן־שטראָם געדיכטן,
אין טומל און אין רעש.
אין דער שטאָט דער גרויסער,
וועמען ווער געדענקט?
זעלטן גאָר, נאָר זעלטן
דאָס הארץ זיך ווייט פארבענקט.
די יאָרן ווי אויף פליגל,
זיי יאָגן זיך אַן צאָם;
דו גיסט אַ קוק אין שפיגל —
דערקענסטו זיך דאָך קוים.
פלוצים ברענגט דער פאָסטמאַן
אַ בריוו דיר פון דער ווייט,
בלייבן שטיין די יאָרן,
שטעלט זיך אָפּ די צייט.
ווי אַ בוך אַן אַלטן
בלעטערסטו בלאַט נאָך בלאַט,
אַ בלימל דאָרט באַהאַלטן,
דערשפּירסטו דעם אַראָמאַט
פון ראָזיקן באַגינען,

פון הימלען לויטער בלוי,
פוןביימער ווייס צעבליטע,
פון יונגן פרישן טוי.
איך לייען און איך לייען
דאָס בריוול פון מיין פריינט
און ס'איז מיר אַזוי פריידיק
אויפן האַרצן היינט.

דער אייביקער וועג

מיר אַלע אין קאַראַהאָד
דרייען זיך אין זעלבן ראָד;
דער זעלבער אימפּעט האַלט אין טרייבן,
דאָך וואו דער אימפּעט טרייבט, אַוואו? —
אַ סוד אָן אייביקער וועט בלייבן.
אַמאָל מיט גנאָד עס דרייט די ראָד,
אַמאָל עס יאָגט, און ווייט פאַרטראָגט,
נאָר דער וועג, דער זעלבער וועג
קומסט מיט אים און גייסט אַוועק.
וואָס פון דער געדריי פאַרבלייבט,
פון דעם אימפּעט וואָס אונז טרייבט? —
עס בלייבט אַ שאָטן ערגעץ בלינד;
דער שאָטן אויך מיט אונז פאַרשווינדט,
ס'בלייבט דער וועג, דערזעלבער וועג,
מיט וועלכן קומסט און גייסט אַוועק.

עס וועט באַלד צופאַלן די נאַכט

עס וועט באַלד צופאַלן די נאַכט.
אין מערב איז דער הימל רויט,
אין מזרח-זייט אַ רייפל דין
פון לבנה וואַרט שוין גרייט.

עס וועט באַלד צופאַלן די נאַכט
און ס׳וועט דער הימל בלויער ווערן,
אין מחשבות נאַכטיקע
וועט ער טיף, זיך טיף פאַרקלערן.

עס וועט באַלד צופאַלן די נאַכט
און אַלץ אַרום פאַרשטילן,
באַהעפטן מיך מיט איר געמיט,
אין שאָטנס מיך פאַרהילן.

פאַרנאַכט

מיך לאָקט די בין-השמשות'דיקע שעה
ווען עס הויבט אָן טונקלען
און שאָטנס זעצן אויס זיך אין די ווינקלען.

ווען עס איז דער טאָג נאָך ניט אוועק,
און עס האַלט די נאַכט אין קומען,
און איך מיט ביידן שטיי אַרומגענומען.

און נאָענט ווערט דער אומרו, וואָס דער הימל זייט
מיט פאַרבן אַלערליי, און טענער גאָלד און רויט,
וואָס טוישן מיין געמיט, פון אומרו און פון פרייד.

עס וואַנדערן די שטערן

עס וואַנדערן די שטערן,
פאַלט איינער אַראָפּ
און ער ווערט פאַרלאָרן
גלייך איבער מיין קאָפּ.

ווי שטערן וואַנדלען טרוימען
אין האַרץ ביי מיר אַרום;
וואַנדלען און פאַרשווינדן
קערן זיך ניט אום.

זוך איך אויפן באַרג זיי,
זוך איך זיי אין טאָל, —
נאָר טרוימען ווי די שטערן
פאַראַנען אָן אַ צאָל.

רו

ליג מיין מידער קאָפּ
און פון קיין זאַך טראַכט,
ליג און רו זיך אָפּ
באַהעפט זיך מיט דער נאַכט.
די ליכט אַלע פאַרלעש,
מאַך טיר און פענצטער צו,
אָן רויש פון טאָג פאַרגעס,
דער שטילקייט הער זיך צו.

דער אומרו און די פּיין
די ליכט פון טאָג פאַרבלענדט,
די בלויע נאַכט אַליין
באַרואיקט און דערנענט.

די טרוימען ניט דערטרוימט,
וואָס בלאָנדזשען אום ווי שאָף, —
זי זאַמלט אין איר שוים
און וויגט זיי איין אין שלאָף.

מעג פינצטער זיין און שוואַרץ
די נאַכט און קאַלט און רוי,
לייטעראוים דיין האַרץ
און אַלץ זיך איר פאַרטרוי.

איך גיי אַליין

איך גיי אַליין און קיינעם ניט באַגעגן,
איך גיי אַליין און קיינער מיך באַגלייט;
עס גייט מיט מיר אַ מילדער דריבנער רעגן
און דריבנע טראָפּנס אויף מיר זייט.
וואו איך גיי? איך הויב ניט אָן צו ווייסן.
עס פירט דער וועג מיך אָן אַ ציל;
צוזאַמען מיטן רעגן גיי איך
און שטעל די טריט זיך אַזוי שטיל,
ווי ס'וואָלט ווער געזאָגט מיר: גיי פּאַמעלעך,
דאַרפסט זיך גאָרניט, גאָרניט איילן,
צייט ביי גאָט פאַראַן אָן אַן ערך
און אָן אַן ערך ציען זיך די מיילן.
אין דער לופטן טראָפּנס שוועבן,
בלייבן הענגען אויף די ביימער,
אויף די בלעטער, אויף די צווייגן,
נעצן דורך מיר מיינע ביינער;
דער וועג אַלץ לענגער ציט זיך, לענגער,
עס קוקט די ווייטקייט אַזוי ווייט,
און מיר אַלץ ענגער ווערט און ענגער,
מיר דאַכט עס שליגט מיך איין די צייט.

בילדער אויף די ווענט

איך האָב אַ דאַך איבער מיין קאָפּ,
איך האָב אַ שטוב, איך האָב אַ היים,
טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ
און אויף די טרעפּ מען האַלט אין גיין.
און אין שטוב ביי מיר פאַראַן
אַ ווייכער שטול און אַ דיוואַן,
מילדע ליכט פון לאָמפּ וואָס ברענט,
און בילדער הענגען אויף די ווענט.
אויף איין וואַנט — אַ ים אַ רויט,
עס זינקט די זון אין אונטערגאַנג,
און קינדער צוויי באַגלייטן ווייט
דעם טאַטן צו זיין פישנפאַנג.
און דאָ אַ בילד הענגט פון מיין זיידן —
זיין קלוגער בליק געווענדט צו מיר,
אַט הויבט ער אָן צו מיר צו ריידן —
אַ גוטער אָוונט טאָכטער דיר. —
אַנטקעגן אים אַ בילד עס הענגט
פון האַר פון אַלע קלאַנגען —
בעטכאָווענס בליק איז אָנגעשטרענגט,
און אַלץ אַרום האַלט ער געפאַנגען.
דער קאָפּ איז הויך, דער שטערן ברייט,
די אויגן טיפער ווי דער ים,
און באַלד וועט ער צעברויזן זיך;
ס'איז ענג אים דאָ ביי מיר אין ראַם.
עס גייען טעג אַמאָל אַוועק,
דו קוקסט זיך אויף די ווענט ניט אום,

די בילדער ווי פאַרגעסענע
הענגען שטיל און שטום.
נאָר אַט דו בלייבסט אין שטוב אַליין,
דאָס האַרץ פאַרהילט אין אומעט,
און עס הויבט דיין בליק אָן וואַנדערן
פון וואַנט צו וואַנט אַרומעט.
אַ ים אַ רויט, אַ זון פאַרגייט,
דו פילסט די רויטע באַנגען,
און ס'ווערן נאָענט דיר די ווענט
פון פאַרבן און געזאַנגען.

פרילינג־גראָזן

יונגע פרילינגס גראָזן,
אייפעלעך נאָך קליין,
פון שטיפערישן ווינט געבלאָזן
שפּראָצט איר פול מיט חן.

יונג זייט איר און דין
אין טויאיקן פרימאָרגן,
אין אייער צאַרטן גרין
אַ צויבער איז פאַרבאָרגן.

ווער זאָל אויף אייך טרעטן —
פיסלעך פון אַ קינד?
לאַשטשען אייך און גלעטן
זאָל דער פרילינגס ווינט.

ס׳וועט אייך דער טיפער זומער
צום טיפן גרין באַקערן,
און נאָכדעם וועט אַ גערטנער
די לאָקן אייך אָפּשערן.

יונגע דינע גראָזן —
פרילינגס קינדער קליין,
אין אייער פריען גרינען
זייט איר פול מיט חן.

פון אַלץ געניס

ווען פון אַ האַנט אַ באַריר
און אַ שאָרך אינעם טיר
וועקט אַ ציטער אין דיר —
דאַן, מיין פריינט, דיינע טעג
זיינען נאָך ניט אַוועק.

דאַן פון אַלצדעם געניס,
פון דעם ווייַן אָט־דעם רויט,
פון דעם האָניק דעם זיס,
וואָס אין בינשטאָק איז גרייט.

פון די בלומען אין פעלד,
פון דעם פויגלס געזאַנג,
פון דער ליבע וואָס קוועלט
אי מיט פרייד, אי מיט באַנג.

פון אַן אויגס מילדן בליק,
פון אַ שמייכל אַ לייכט,
וואָס עס קומט ניט צוריק,
פון דעם מאָרגן עס ווייכט.

אַלע דינע געוועבן,
ווי דער ציטער אין דיר —
אַ מאָמענט זייער לעבן,
אַ מאָמענט דער באַריר.

סעינט לואי, 1941

עס וואַנדערט אַן עלנטע שיף,
ווער ווייס וויפל נעכט, וויפל טעג?
ברויזנט דער ים איז און טיף,
פאַרשלונגען ער האָט יעדן ברעג.

דאָרט דאַכט זיך אַ ליכט רופט אַ בלאַס,
די שיף זאָל איר אנקער פאַרלייגן,
נאָר עס באַגעגנט זי בלויז אַ מיראַזש
פון הימל און וואַסער פאַרצויגן.

און וואַנדערער מידע ביים זייל,
עס פאַלן די בליקן און זינקען,
דער ים האַלט צעעפנט זיין מויל,
און טויט פון דער טיף צו זיי ווינקען.

דאָך רואיק און שטיל אויפן דעק,
די כוואַליעס בלויז ריידן און ריידן,
עס וואַנדערט אַ שיף אָן אַ צוועק
און קען מיטן ים זיך ניט שיידן.

ניו יאָרק

ניו יאָרק, ניו יאָרק, מיין שטאָט ניו יאָרק —
ווי זאָל מען אויף דיר קוקן?
אום ניט פאַרבלענדט צו ווערן פון דיין פּראַכט,
דיך מוז מען פון דער ווייטן זען,
איבערן וואַסער, אויף אַן אינזל ביי דער נאַכט.
אַ שטילער, אַ פאַרחלומטער דער אינזל ליגט אַנטקעגן
אַרום אים אין שאָטן, שלענגלט זיך דער טייך
און אויפן אַנדער זייט פון די וואַסער־ברעגן,
דו לויכסט אַרוים ווי אַ ציגיינערשע פּרינצעסין,
מיט קרוינען גאָלדענע וואָס שלייכן זיך צום הימל הויך
און מיט צעשטראַלטע אויגן פון פּייערלעך מיליאָנען און מיליאַרדן
רויטע, גרינע, גאָלדענע פאַרבלענדנדיקע פאַרבן,
וואָס טאַנצן, לאַכן, לעשן זיך און צינדן,
און פעלקער אַלערלייאיקע צעטיילן און פאַרבינדן.
אַלע די וואָס האָבן דיך געזוכט, געפונען
און זייער טרוים אין דיר אַריינגעשפונען.
דיין יעדער פּייערל באַזונדער
דערציילט די סודות פון דער שטאָט מיט אירע וואונדער,
און זעט מען דיך אַזוי ניו יאָרק —
דאַן נאָענט ווערט דיין טומל, רעש און דיין זאָרג.

דער שלאָף

עס האָט דער שלאָף געלאַשטשעט מיך —
מאַך די אויגן דיינע צו;
האָב איך ניט פאַרגונען זיך
צו פאַרקלאַמערן אין רו.
ערגעץ לעבן האָט געצוקט,
און גערופן: קום מיט מיר,
ניט פאַרזאַמען וועסט די רו,
טעג און יאָרן, אַזוי פיל.
האָב איך מיינע נעכט און טעג
איינגעפלאָכטן אין דעם ווינט
און געלאָזן זיך אַוועק.
פליען זיי נאָך אום אַצינד.
דאָך בין איך אַליין שוין מיד
מיטצופליען מיטן ווינט,
ליג איך און איך וואַרט און האָף,
נאָר מיך לאַשטשעט מער קיין שלאָף.

ניי לעבן

ליבסטער דו מיינער:
מיין ליבע צו דיר איז דער זין פון מיין לעבן
און טריי ווי דער טויט;
פאַר דיר נאָר, פאַר דיר מיין ליבע איז גרייט
און גרייט פאַר דאָס צאַפּלדיק לעבן אין מיר וואָס איך פיל,
עס נעמט מיך אַרום אַזאַ פרייד אַזאַ גרויס
און עס נעמט מיך אַרום אויך אַן אומעט אַ שטיל —
ווער ווייס?
ווער קענען מיין האַרץ גאָר פאַרנעמען די פריידן
וואָס זאַמלען זיך מער אַלץ און מער?
ס'איז מיר אַזוי גוט, אַזוי וואויל,
די טעג און די שעהען איך צייל
פאַר דיר און פאַר מיר, פאַר אונזביידן.
ליבסטער דו מיינער,
ס'וועט באַלד זיך דאָס לעבן דאָס נייע אַנטפּלעקן
אַ ליכטיק, אַ צאַפּלדיק, הייס,
נאָר עפּעס מיין האַרץ האַלט אין שרעקן זיך, שרעקן —
ווער ווייס?
צי וועט זיך דאָס לעבן צעוואַקסן, צעבליען?
און וועבן דעם פאָדעם, און ווייטער אים ציען,
מיט גלאַררייכע פאַרבן אים וועבן און שפּינען?
ליבסטער דו מיינער,
עס זיינען די הענט מיר פאַרגליווערט און קאַלט,
וואַרעם זיי אָן מיט דיין אָטעם דעם הייסן,
נעם זיי אין דיינע און האַלט,
פאַריאָג מיט דיין ליבע דעם שאָטן דעם בייזן
וואָס פאָלגט מיינע טריט נאָך, באַגלייט
און רויבט מיר מיין רו און מיין פרייד.

וואָס בין איך?

וואָס אַזוינס גאָר בין איך?
ווער קען מיר זאָגן וואָס?
אַלץ בין איך און גאָרניט,
איך בין ווי יונגער גראָז,
וואָס שפּראָצט אַרויס אין פרילינג,
צעגרינט זיך אויף דער ערד
און ווערט אין האַרבסט פאַרוויאַנעט,
פאַרטריקנט און פאַרצערט.
מיר דאַכט זיך אַז מיין בליק
די ווייטקייט ווייט עס זעט,
דעם ראַנד דעם גאָלדענעם
מילד מיין אויג עס גלעט.
און עס טראָגן מיינע טרוימען
אָדלער־פליגל הויך,
דאָך ווערט מיר אַלץ פאַרשוואומען
אין גראָען נעפּל רויך.
און וואָס בין איך אַזוינס?
איך בין אַן אַלטער בוים;
וואָס רינגלט זיך אין קאָרבן
וואָס לאָזן מיינע אבות
נאָך זיך ווען זיי פאַרדאַרבן.

בראָדוויי

אין ליכט עס איז די גאַס פאַרשוואומען,
ליכט און ליכט נאָר איבעראַל,
אַלץ פון ליכט דאָ ווערט פאַרטונקלט
וואָס שטראַמט ווי פון אַ קוואַל.
ווער די ליכטן וועט פאַרלעשן?
און ווער צינדט זיי אָן?
ווער דעם שיין גאָר קען פאַרגעסן?
פון בלענדעניש דעם טאָן?
אויף דער גאַס בראָדוויי,
וואו עס שטראָמט אַ מענטשן-שטראָם
פון שאָטנס אַלערליי, —
אַלע ריידן הויך, נאָר מען הערט קיין וואָרט;
אַלע גייען גיך, און בלייבן אויף אַן אָרט.
עס פליען יובל עראָפּלאַנען,
אויף אַ פערד דער אומעט רייט,
און ווי דאָס ליכט, — פון ווייַן פאַנטאַנען,
און דאָ אַ בעטלער ביי דער זייט.
מען איז נאָך שלאָפן ניט געגאַנגען, —
שוין דער פרימאָרגן האָט דערוואַכט;
עס איז דער טאָג נאָך ניט פאַרגאַנגען —
און ווידער איז שוין דאָ דינאַכט.

צו אבא׳ן

איך האָב דיך געכטן אזוי ליב געהאַט
און היינט, און היינט נאָך מער,
צי עס וועט פאַר מאָרגן זיך ניט אויסשעפּן דער קוואַל —
ליג איך ביי דער נאַכט און קלער.

גייט די נאַכט לאַנגזאַם זיך אַריבער,
קומט דער מאָרגן — איז שוין ווידער היינט,
קומט מיט אים אַ טאָג אַ נייער
און די זון נאָך לויטערער ווי נעכטן שיינט.

קוק איך צו דער זון אַרויף —
די שטראַלן פון איר אייגן גוף
אזוי ווי דו פון מיר אַ גליד,
און איך האָב דיך היינט נאָך מערער ליב.

וויג־ליד

עס איז, מיין קינד, די שעה גאָר שפּעט
און דיר צייט שוין שלאָפן גיין,
צוגעגרייט פאַר דיר דיין בעט,
ווייך און וואַרעם, ציכטיק ריין.

ווייט איז שוין די זון פאַרגאַנגען.
דינע פּאָסן נאָר פאַרבליבן
איבער איר וועג דעם ווייטן, לאַנגן,
איבער ימען איבער זיבן.

טיף די נאַכט אַריינגעדרונגען,
ליכט אין פענצטער אָנגעצונדן,
קליינע קינדער שלאָפן שוין,
וואו אַ הויז און וואו אַ היים.

בלויז דו איינער שלאָפסט נאָך ניט,
דיינע אייגלעך בלוי און מיד
ווי די בלויע שטילע נאַכט
ליגסט אין וויגעלע פאַרטראַכט.

דאַרפסט, מיין קינד, פון קיין זאַך קלערן;
האָסט נאָך צייט ביז׳ט עלטער ווערן,
איצט די אייגעלעך מאַך צו
ביזן מאָרגן, ליו ליו ליו.

אומעט

טיפער אומעט מיינער,
טרויעריק געמיט,
פון אַלע פריינט נאָר איינער —
דו פאַרלאָזט מיך ניט.
אין טומל פון די גאַסן,
צי אין צימער שטיל,
דיין שאָטן איך שפיר דיין בלאַסן,
דיין נאָענטקייט איך פיל.
דו היטסט מיך ווי אַ מאַמע
היט איר איינציק קינד,
און איך, ווי נאָך דער מאַמען,
פאָלג דיך נאָכעט בלינד.
דו קומסט אין פריען מאָרגן,
ווען דער האָן ט'נאָך ניט געקרייט,
דו קומסט אין שטילן אָוונט,
ווען מילד די זון פאַרגייט.
ביזט דאָ אין וואַלד אין טיפן,
און אויפן ברעג ביים ים,
אויף זעגלען און אויף שיפן —
ניטאָ פאַר דיר קיין צאַם.
שטילער אומעט מיינער,
האָסט זיך טריי צו מיר באַקערט,
פון אַלע פריינט ביזט איינער
אַ חבר מיר באַשערט.

דער קול

עס האָט געמבול'ט; עס האָט געמבול'ט
ניט קיין שעהען, ניט קיין טעג,
ניט קיין וואָכן, קיין חדשים —
יאָרן, יאָרן אָן אַן עק.

עס האָט פאַרשלונגען, עס האָט דערטרונקען
די נשמה און דעם גוף,
און געלאָזן וואו פאַרזונקען
פון דער ווילדערנעש אַ רוף.
הערט נאָר, הערט נאָר
צו דעם רוף איר הערט זיך צו:
ווער עס וועט אים בלויז דערהערן
וועט געפינען מער קיין רו.
עס קומט דער קול פון ווייטע ווייטן,
רייסט פון ווילדערנעס זיך פריי,
גאַנצע כאָרן אים באַגלייטן —
אונזער גורל בלייבט נאָר טריי.

צו די געטאָ־מאַרטירער

וואָס קענען מיר, אָרעמע מענטשן,
זאָגן היינט, ריידן צו אייך
טרייסטן אייך, לויבן, אייך, בענטשן? —
ווי נישטיק דאָס אַלץ איז און בלייך.

צו וואָס קענען ווערטער גאָר דינען
ווען אַלץ וואָס געזאָגט איז שוין אַלט,
און ווערן קיין אָפּקלאַנג געפינען,
ווייל טויב איז די עכאָ אין וואַלד.

ווי לייבן געצאַמטע אין שטייגן
צווישן גראָע געמויערטע ווענט,
ווי האָט איר באַוויזן צו צייגן
אַזאַ גבורה מיט ליידיקע הענט?

וואו האָט איר גענומען דעם כוח?
דעם לייטער פון בלוטיקע טרעפּ —
צו שטייגן אַרויף צום מזבח
מיט שטאָלצע געהויבענע קעפּ.

און ווער האָט געהערט אייער תפילה —
די לעצטע, פון אַנגסט און פון פּיין? —
די לבנה? די שטערן די שטילע?
צי אַ גראָער דער הימל אַליין?

עס האָט אפשר אין דרויסן גערעגנט,
דער הימל אליין האָט געוויינט,
ווען ער האָט מיט אייך זיך געזעגנט
און די שטיינערנע ווענט האָבן געשטוינט?

ווי קענען מיר, ברידער, צו אייך ריידן?
און וואָס האָבן רייד פאַר א ווערט?
מיט קעפּ צו די קברים געבויגן
מיר שטייען פאַר אייער הייליקער ערד.

אונדזער וואַלד

מיר וועלן אַ וואַלד אַ געדיכטן פֿאַרפֿלאַנצן
יעדן בוים אַ נאָמען געבן,
וועלן הייליקע געשטאַלטן
פֿאַר אונז אויפֿשטיין, ווידער לעבן.
עס וועט די ערד דאָרט זאַפּטיק זיין
מיט בלוט פֿון אונזערע ברידער,
יעדער צווייג און יעדעם בלאַט —
אַ גליד פֿון אונזערע שוועסטער־גלידער.
יעדע ווייסע לילי, רויז,
וואָס דער פֿרילינג וועט געבאָרן —
אַ קינד, אַן עופּהלע דאָך בלויז,
וואָס אין שטורעם איז פֿאַרלאָרן.
און ס׳וועט צעבליען זיך דער וואַלד,
פֿאַרצווייגן זיך אין דורות —
יעדער יאָר, אַ נייער דור
וועט ברענגען מיט זיך פּורות.

דאָס אייביקע ליכט

זיבן ימען, זיבן זונען,
די לבנה און די שטערן
אויסגעלאָשן, אויסגערונען,
בלויז פאַרבליבן אַ לאַמטערן.
נאָר דאָס ליכט איז פון נור תמיד,
טראָגט זיך איבער אַלע וועגן,
האַלט אין לויערן און זוכן
דאָס ביסל אָרעמעס פאַרמעגן.
איבער אַלע זיבן ימען,
לויטערער ווי אַלע זונען
האָט דאָס ליכטל זיך אין פלאַמען —
צעפלאַקערט און איר היים געפונען.
אויף אַלע וועגן, אַלע שטעגן
פון דער גאָרער וועלט,
דאָס ליכטל זאַמלט איר פאַרמעגן
און ברענגט אין איר געצעלט.

מיין פאָלק

זאָל איך ציילן מיינע יאָרן,
און ציפערן זיי ציילן? —
האָב איך דעם רעכענונג פאַרלאָרן
פון אַלע מיינע זיילן.
איך האָב די קערן פון מיין חכמה
צעזייט איבער דער גאָרער וועלט,
נאָר דעם שניט אַליין צו שניידן
האָב איך פאַר זיך פאַרפעלט.
איך האָב דער וועלט אַ גאָט געגעבן,
אַ תורה, אַ מאָראַל,
זיי זאָלן בויען זייער לעבן,
שעפּן פון דעם קוואַל.
זיך אַ ווינקל בלויז געלאָזן
אין דער גאָרער וועלט,
איז מיט בלוט אַצינד פאַרלאָפן
מיין ווינקל, און צעשטערט.
רוף איך, רוף איך מיינע שכנים:
הערט זיך, הערט זיך צו! —
נאָר מיין רוף עס רירט ניט קיינעם,
צאַנקט ער ערגעץ וואו.

יידיש

פון אַלע געפּליגלטע שפּראַכן —
דער יידישער לשון פאַר מיר ;
אין אים קען איך וויינען און לאַכן,
אין אָרעמקייט זיין אַ גביר.
דעם פּשוטן מענטש איך קען דינען
דורך יידיש וואָס ער מיך פאַרשטייט,
מיין אייגענעם איך דאָרט געפינען
פון טאַטן און מאַמען באַגלייט.
דער הימל, די שטערן, די לבנה
יעטווידער וואָרט מיינס פאַרשטייט,
די זון ווי פאַר אַלע, אין יידיש —
אַזוי אויך גייט אויף און פאַרגייט.
פון אַלעמען מער נאָך דער ווינט,
וואו נאָר אַ ייד זיך געפינט,
ער ברענגט זיי מיין יידישן טרויער,
ער ברענגט זיי מיין יידישע פרייד.
דער אייביקער יידישער בויער —
ווי וואויל ער מיין לשון פאַרשטייט.

ביים ראַנד

אַ זון פֿאַרגאַנגען, בלינד, אָן פֿאַרבן,
און דו ביים ראַנד, אין אַנגסט אין שווערן,
ווי קאַסעם אין דיין האַרץ די קאַרבן,
זיי שניידן טיף און ווילן טעמפּ ניט ווערן.
ביים ראַנד זעסטו צוגן אָנגעלאָדן,
ווי שלאַנגען דרייען זיך אין האַרבן,
און זעסט די טויטע קאַראַהאָדן,
און זיך — אַ טויזנט מאָל געשטאָרבן.
צווישן טויטע — אַ ניט־דערטוידטער
און צווישן לעבעדיקע — אַ מת.
און עפּעס ווילט זיך, פֿריינט מיינס, גלויבן —
גלויבן אין אַ נס,
אַז דאָרט וואו יידן זיינען יידן —
עס איז פֿון גאָט אַליין באַשערט —
עס וועט רואיק מער ניט בלייבן ליגן —
די ערד אַליין — עס ציט צו ערד.
אָט דאָרט וואו ס׳שטאַרן קינדער־אויגן,
פֿאַרטיליקטע נשמות שוועבן,
וועט זיך אַ נייער דור פֿאַרנייגן,
אַ ניי געלויטערט יידיש לעבן.
ווי קען גאָר אַנדערש, אַנדערש זיין?
ווער וועט דער וועלט דעם כוח ווייזן,
ווי ס׳זינקט אַ גייסט אין בלוט און פּיין,
און אין זיין פּיין טוט ווידער שטייגן?
זאָל דיין געלויטערטער געמיט
דעם כוח פֿון דעם גייסט פֿאַרמאָגן;
גיי מיט דיין פֿאָלק אַצינד, גיי מיט
וואָס ט׳אויפגעוואַכט זיין וואָרט צו זאָגן.

אין פּאַרק

גייסט אין פרילינג אויף ניו יאָרקער גאַסן —
לאַנגע עוועניועס און ברייט,
פריש פון רעגן אָפּגעוואַשן
און עס נעמט אַרום דיך פרילינג-פרייד.
די מאָרגן-לופט איז מילד און וואַרעם
און דער הימל הייך און בלוי
פלוצים רירט ווער אָן דיין אָרעם
מיט אַ האַרציקן „העלאָ".
וועקט עס נאָך מער פרייד אין האַרצן
די באַרירונג פון אַ פריינט,
גלוסט זיך דיר דעם טאָג דעם גאַנצן
שוין אין גאַס פאַרברענגען היינט.
דערביי אַ פּאַרק דאָ, גראָזן גרינען,
אין בליטן ביימער ווייס צעקוועלט,
וועסטו באַלד אַ באַנק געפינען,
זיצן, קוקן אויף דער וועלט.
קוקן ווי די שטילע טויבן
אין סטאַיעס גאַנצע דאָ זיך מערן,
פון דער ערד די ברעקלעך פּיקן
וואָס מען וואַרפט זיי צו די קערן.
זען ווי עס שפּילן זיך די קינדער
פול מיט אימפּעט און מיט פרייד,
יונגע מאַמעס גיבן אַכטונג —
איינע שטריקט, אַ צווייטע נייט.
און אַרום דיר לויטער פרעמדע,

זייט ביי זייט און האַנט ביי האַנט,
און אָט מער שוין ניט קיין פרעמדע,
עס האָט דער פרילינג אייך באַקאַנט.
עס פלעכטן ווערטער זיך, געשפּרעכן
ווי דער פרילינג פריי און פראַנק,
און עס ווערן נאָענט דיר די מענטשן,
עס ווערט דיר אייגן דאָ דער באַנק.

אין וואַלד

באַהערשט פון טיפן שווייגן
גיי איך מיר אַליין,
גריסן זיך מיר צווייגן,
גריסט זיך מיר אַ בוים.
זיי שאָרכען זיך און נייגן,
רירן אָן מיין האַנט,
ווערן זיי מיר אייגן,
נאָענט און באַקאַנט.
זיי רינגלען מיך אַרומעט,
רוימען איין אַ סוד —
פאַרשווינדט פון מיר דער אומעט,
מיך נעמט אַרום אַ פרייד.
רייד איך צו אַ בוים —
ענטפערט עס מיך באַלד;
און ניט איין-איינציק בוים —
ע סרוישט דער גאַנצער וואַלד.
עס פירט דער וואַלד מיך טיפער,
ס׳איז לייכט אַזוי מיין טראָט,
איך פיל מיך אַזוי זיכער
ווי עס וואָלט געפירט מיך גאָט.

ווי דער בוים

ווי וואָלט איך גערן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בוים
און יעדן פרילינג יונג זיין ווידער,
גרינע בלעטער זאָלן זיין מיין קרוין
און גלייך און בייגיק מיינע גלידער.
און די פרילינג־טעג, און טעג פון זומער,
אויף מיינע צווייגן זאָל די זון זיך היים צוגליען,
און זאָל דער זומער־רעגן אויף מיר גיסן, גיסן
און מיין צעגליטן קערפּער מיך דערפרישן.
ווען צום פרילינג, זומער קומט אן עק,
געציילטע בלייבן מיינע טעג,
טיף אין דער ערד באַהאַלטן, זאָל מיין וואָרצל ליגן,
און מיין קודלאַטע קאָפּ דער ווינט זאָל וויגן.

אין די בערג

עס איז מיר ענג צווישן די בערג
צווישן ווענט און גריבער,
אויבן, אונטן שטיבער,
עס ציט מיין האַרץ צו ברייטע פלאַכן —
דער פרייער הימל זאָל באַדאַכן,
די לבנה זאָל באַצירן
און אַ שטערן זאָל מיך פירן
פירן אָן אַ וועג
פון דער ענגער וועלט אַוועק.

זאָל מיין האַרץ דאָרט וויינען, לאַכן
אויף די ברייטע, ברייטע פלאַכן
וואו עס הוליעט פריי דער ווינט,
הימל מיט דער ערד זיך בינדט,
אין פרימאָרגן גייסט אַליין
טרעפסטו אויף דער פלאַך אַ שטיין,
צי פון טוי אַ ביימל פייכט,
רעדסט זיך דורך און ס׳ווערט דיר לייכט.

די זילבערנע חתונה

א פערטל יאָרהונדערט, א פערטל יאָרהונדערט,
וואו טוען די יאָרן זיך אַלע אַהין?
איבער שטאָטישע גאַסן זיי וואַנדלען אַרומעט,
צי זיי רוישן אין וואַלד צווישן ביימער די גרין?
א פערטל יאָרהונדערט, א פערטל יאָרהונדערט,
עס דאַכט זיך אַן אייביקייט גאָר,
און רעגות אַזוי פיל אין יעטווידער יאָר,
און ס'וועבן די רגע'ת די שעהן, די טעג,
די יאָרן וואָס לויפן אַוועק.
און וועבן אַריין אין די יאָרן,
ווי קאַרבן וואָס קריצן זיך איין אין א בוים,
אַזוי פיל, אַזוי פיל מינים אוזאָרן,
און לאָזן מיט קאַרבן דיך איבער אַליין,
און זוכסט דעם סך־הכל פון אייגענעם לעבן:
וואָס האָבן די יאָרן אַזוינס דיר געשענקט,
דו רעכנסט און רעכנסט צי שטימט עס דער חשבון,
און בלייבסט ווי אַמאָל, ווי אַמאָל נאָך פאַרבענקט.
דו זוכסט אין די יאָרן דאָס ליכט און דעם שאָטן,
אַרום דיר דיין ליבע, דיין פלייש און דיין בלוט,
געפינסטו די יאָרן וואָס זיינען געראָטן,
און האַרבסטיקע שכינה אויף בענקשאַפט עס רוט.

איך בין נאָך יונג

בין איך יונג, צי איך בין שוין אַלט ?
עס איז מיין קאָפּ שוין גרוי,
נאָר גלייך און בויגיק מיין געשטאַלט,
אין האַרצן יוגנט זיך באַהאַלט
און אין די אויגן פרישער טוי.
מיין גרויער קאָפּ זאָגט: שנייךסט דיין שניט,
און מער וועט גאָרניט דיר פאַרבלייבן,
בלויז טרוימען האַרבסטיק אָפּגעבליט,
פון אונטערן טיש די ברעקלעך קלייבן.
נאָר עס וויל דאָס האַרץ ניט זיין פאַרשטילט,
פון ערגעץ ווייט עס הערט און פילט
דעם פיבער פון דער צייט,
דעם רויש פון וואַלד
וואָס איז פאַרקערפּערט אין מיין אייגענעם געשטאַלט.
און קומט די נאַכט, די בלויע נאַכט,
ווי נאָר די אויגן איך פאַרמאַך,
דערזע איך פאַרבן אַלערליי,
פעדים רויט און גאָלד און גרין —
זיי פלאַטערן, זיי בעטן זיך:
חלומות וועב דיר, שפּין.
איך ווייס ניט צי איך בין יונג, צי אַלט ?
איך ווייס נאָר אַז מיין אויג עס וואַכט,
איך זע די וואונדער פון דער נאַכט,
איך הער דעם רויש פון טיפן וואַלד,
איך פיל דעם אָטעם פון דער צייט,
און עס טראָגט מיין טרוים זיך ווייט, גאָר ווייט.

גאָט

גאָט איז איבעראַל פאַראַן,
אין אַלץ וואָס אָטעמט און וואָס לעבט,
אין יעדן טראָט, אין יעדן שפּאַן,
וואָס טראָגט פאַרביי זיך און וואָס שוועבט.

גאָט פון קיינעם זיך באַהאַלט,
ער איז דאָ אין טיפן וואַלד,
אין די ביימער, אין די צווייגן
און נאָך מער אין שטילן שווייגן.

פון דער וויגל ביזן גרוב,
ער עפנט און ער שליסט די טיר,
אפשר איז ער אין מיין שטוב?
אפשר גאָר אין האַרץ ביי מיר?

קלאַנגען

ווער פאַרשטייט דעם סוד פון קלאַנגען —
וואָס באַשאַפן ווערט פון הענט,
הענטלעך קינדערשע וואָס פאַנגען
פון אַ טויטן אינסטרומענט?

אויף קלאַווישן פליען פינגער,
פינגערלעך נאָך קינדיש קליין,
הערט איר צו זיך צו די קלאַנגען,
ווערט איר ווי דאָס קינד אליין.

פרילינג רעגן

רעגן, רעגן, פרילינג רעגן
פיל דיר איז באַשערט,
אויף די ווייס צובליטע ביימער,
אויף די יונג צוגרינטע גראָזן,
און די פעלדער די פארזייטע
זעטיק אָן די ערד.
שפיל זיך, שפיל זיך, פרילינג רעגן,
ווי פיל דיר זיך גלוסט,
זאָלן טראָפּנס בלעזלען, טאַנצען,
בלייבן הענגען אויף די פלאַנצן,
נאָענט ליגט די זון באַהאַלטן
הינטער א וואָלקענדל אַ דינעם.
באַלד וועט זיך דער וואָלקן שפּאַלטן,
וועלן פאַרבן, צויבער פאַרבן
דעם רעגנבויגן שפּינען.

פרילינג אין שטאָט

עס איז דער אָטעם פון דער שטאָט היינט
אַזוי מילד און לייכט,
כאָטש דער אימפעט איז פאַרבאָרגן,
דאָך ס׳איז פרילינג און פרימאָרגן
און די לופט פון טוי איז פייכט.

כאָטש ווי אימער שטראָמען מאַסען,
און פון קוימענס שלאָגט אַ רויך,
דאָך ס׳איז פרילינג אויף די גאַסען
און די לופט איז מילד און ווייך.

צווישן שפּאַלטן צווישן דינע
פון ציגל און פון שטיין,
שפּאַרן דורך זיך גראָזן גרינע
און אַ יונגער בוים.

און דער הימל אַזאַ ליבער —
מילד און וואַרעם קוקט אַראָפּ,
איבער הייזער הויך אַריבער
לאַשצעט שטיל און רעדט קיין וואָרט.

ווערן איינגעצאַמט די זאָרגן,
און דער אָטעם מילד און לייכט,
עס איז פרילינג און פרימאָרגן,
און דער גראָז פון טוי איז פייכט.

אויף די גאַסן פון ניו יאָרק

אויף די גאַסן פון ניו יאָרק,
וואו קיין בלימל בליט,
אויף די גאַסן פון דער שטאָט
וואו דער אימפּעט זידט,
וואו אַ קראָם — אין יעדן ווינקל,
אַלץ דאָרט קען מען קויפן,
וואו טראַמווייען, אָמניבוסן
אימער לויפן, לויפן
אויף די גאַסן פון ניו יאָרק
שפּילן קינדער זיך אָן זאָרג,
וואַשט אַ מאַמע ערגעץ דילן,
אָדער שווער גאָר דרייט אַ ראָד —
אויף דער גאַס די קינדער שפּילן
אַלע אין איין קאַראַהאָד.
זוכט אַ טאַטע וואו פּרנסה,
קען עס ניט געפינען,
שפּילן זיך אין גאַס די קינדער,
קינדערלעך ווי בינען.
און זייער שפּיל עס האָט אַ ציל,
צוגלייך גאָר מיט די גרויסע,
אויף די גאַסן, טראָטואַרן,
שפּילן זיי אין קנעכט און הערן,
בויען הייזער, בויען הייפן,
האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן,
דאָ אַ שיף און דאָרט אַ האַפן,
וואָס פאַר אַ צויבערוועלט זיי שאַפן!

אַט מאַרשירן זיי אין רייען,
אין דער ערד די טריט פאַרזייען
קערנער נייע פול מיט שטרעבן,
אפשר גאָר אַ נייעם לעבן!
אויף די גאַסן פון ניו יאָרק,
שפּילן קינדער זיך אָן זאָרג.

אַז ווי צום געלעכטער

עס ווילט זיך מיר פון אַלץ היינט לאַכן,
פאַרוואָס? איך ווייס גאָרניט אַליין.
פון דער וועלט עס ווילט זיך לאַכן,
ווייל איך קען זי ניט פאַרשטיין.
לויפן, יאָגן אויטאָמאָבילן,
און זיי טרובען און זיי סווישטשען, —
דוכט זיך מיר אַז הינט גאָר בילן
און פון וועלף די אויגן בלישטשען.
גייען אויסגעפוצטע דאַמען,
אויסגעמאָלטע, אויסגעטאָקט,
פעלט מיר אויס פאַר זיי די גראַמען,
מוז עס בלייבן ניט דערזאָגט.
מענער ריידן נאָר פון האַנדל,
ווי אויף האַנדל שטייט די וועלט,
ווילט זיך לאַכן פון דעם וואַנדל,
נאָר פאַר לאַכן אָטעם פעלט.
לייענסט צייטונגען, גאַזעטן,
לאַכט אין דיר דיין האַרץ פאַרוואונדערט:
לעבן מענטשן, צי סקעלעטן?
און וועלכער איז אַצינד יאָרהונדערט?
זיינען מיר נאָך ניט געבאָרן?
אָדער אפשר לאַנג שוין טויט
די מיטל אַלטע שוואַרצע יאָרן?
נאָר די ערד איז אַזוי רויט:
אין טיפן אומעט האַלטסט אין זינקען,
ווילסט זיך אויסטשוכן, דערוואַכן,
און אין חוזק אַלץ דערטרינקען,
פון אַלץ נאָר לאַכן, לאַכן.

כמאַרעס

עס איז היינט דער הימל אַ גרויער, פאַרצויגן
מיט כמאַרעס וואָס הענגען אַראָפּ אַזוי שווער,
אַזוי ווי ביי דיר איז פאַרנעפּלט די אויגן
און וויינען עס ווילט זיך, נאָר עס קומט ניט קיין טרער.

דו ווייסט גאָר אַליין ניט וואָס האַלט אין איין נאָגן,
וואָס האָט זיך פאַרקליבן אַזוינס דיר אין האַרץ?
צי וועט עס אַריבער ווען ס'וועט אָנהויבן טאָגן
און עס וועלן צעגיין זיך די כמאַרעס די שוואַרץ.

אפשר פאַרגליווערט אין האַרצן ביי דיר
טיף ליגט באַהאַלטן גאָר פרייד?
און עס וועט זיך צעגליען צוגלייך מיט דער זון
אין פריען פרימאָרגן אין רויט.

כמאַרעס און זונען, זיי קומען און גייען
און נאָגן דאָס האַרץ און אויך פרייען און פרייען,
עס קומען די טרערן, דאָס אויג ווערט פייכט
אַזוי ווי די ערד נאָך אַ רעגן,
דער הימל ווערט לויטער, דאָס האַרץ ווערט אויך לייכט
און פרייד שווימט אַרוים דיר אַנטקעגן.

קלאַנגען אין דער נאַכט

ווער הערט די קלאַנגען פון דער נאַכט?
ווער הערט זיי נאָך, דעם דינעם שאָרך
פון קלאַנגען, שטיל און שטום,
וואָס וואַנדערן אַרום?
ס'איז טעמפּ פון אויער דאָס געהער —
דאָס האַרץ בלויז וואַכט — און הערט זיך צו
צו קלאַנגען אין דער נאַכט,
און וויל דעם גרונט דערגיין —
פון וואַנען דער געוויין?
איז עס די לעצטע טרער
פון טאָג וואָס איז אַוועק און קומט ניט מער?
ווער הערט זיי נאָך, דעם דינעם שאָרך
פון שטילע שטומע קלאַנגען?
דאָס האַרץ אליין הערט דעם געוויין
און ווערט אין זייער נעץ געפאַנגען.

אַ רפואה

שיק מיר אַ רפואה, גאָט,
פאַר מיין קראַנקן קינד.
פון דעם הימל שיק עס מיר
איך בעט דיך, נאָר געשווינדט.

זאָלסט, חלילה, ניט פאַרזאַמען,
אייל זיך אייל זיך צו,
ווי דער צער פאַרצערט אַ מאַמען,
ווער נאָר וויים ווי דו?

העלף מיר האַר פון אַלע האַרן,
אייל זיך, אייל זיך צו,
זאָל דאָס צווייגעלע פאַרדאַרן,
ווערט פאַרדאַרט דער בוים אַליין.

נאָך זון עס לעכצן בייטן תבואה,
אויף די ביימער טרויבן וויין —
עס וואַרט מיין קינד אויף דיין רפואה,
צו רפואה זאָל אים זיין.

מלחמה־ליד

ניט קיין גלאָקן ערגעץ קלינגען,
און קיין פויגל הערט מען זינגען,
און קיין רעדער ערגעץ דרייען,
שטיל, קיין מענטשלעך טריט עס גייען,
עס האָט צעלייגט זיך שטיל די נאַכט
און זי וואַכט און וואַכט און וואַכט.
אין דער פינצטער וואָס איך זע,
אין דער שטילקייט וואָס איך הער
מיין געמיט מאַכט אַזוי שווער.
ערגעץ וואו אַ פעלד אַ רויט,
נאַקעט וואַנדערט אום דער טויט,
קריכט דורך שטעכיק שוואַרצע רינגען,
האַלט אין שלינגען אַלץ, אין שלינגען,
שלינגט אַראָפּ און ניט צעקייט
און ווי גאַרניט אַלץ פאַרדייט.
ווערט אַלץ ליידיקער דאָס פעלד,
און דער שטן שטייט און קוועלט.
איז דאָס חלום? איז דאָס וואָר?
וואָלט די נאַכט אַריבער נאָר,
און דער זייגער זאָל כאָטש שלאָגן,
וואָלט כאָטש אָנהויבן צו טאָגן!

שטערן אין די פענצטער

ס׳איז טאָג און די זון איז אַ העלע צעשטראַלט
און וואַרעמט און לויכט אַזוי גערן,
דאָך קוקן ווי אויגן, פון שויבן, אויף אײַך
אויף פּאָנעו אַלץ שטערן און שטערן.
הויך קוקן די טאַטעס, די מאַמעס די שטילע
צו גאָט זאָל דער בליק זיך דערהויבן
און זאָל ער פאַרנעמען די הייליקע תּפֿילה
פון שטערן בײַטאָג אין די שויבן.
די הייליקע תּפֿילה פון טאַטן און מאַמען
זאָלסט, גאָט, ניט פאַרפעלן דערהערן,
לעש אויס די פייערן, לעש אויס די פלאַמען,
דאָך זע ניט פאַרלעש נאָר די שטערן.

שלום

מער קיין שונאים ניט פאַראַנען,
ווידער זיינען אַלע פריינט;
זעט ווי ס׳פלאַטערן די פאָנען,
אויף דער וועלט אַ יום-טוב היינט.
זעט ווי אַלע היינט זיך פרייען —
דורך דער פרייד עס גלאַנצט אַ טרער,
ווידער וועט מען פלאַנצן, זייען,
שניידן נאָך מיט מער באַגער.
און ס׳וועט נאָך האַרציקער אַ מאַמע
צודריקן דאָס קינד צום ברוסט,
נאָר די מאַמעס, יענע מאַמעס
וואָס געבליבן עלנט, וויסט —
זייער בליק וועט ווייט זיך ציען,
ערגעץ ווייט צו פרעמדער ערד —
וואו אויף בערגלעך בליען בלומען,
זיי קיין פרייד איז ניט באַשערט.

חלומות

פאַראַנען חלומות פאַרחלומטע שטילע,
אַזוי ווי אין פרילינג אַ זונענפאַרגאַנג,
וואָס טוליען זיך, גלעטן ווי ווינטעלעך מילדע,
מיט זיי זיך צו שיידן עס טוט אַזוי באַנג.
פאַראַנען חלומות וואָס רופן און וועקן,
און האַלטן דיך שטאַרק אין די אָרעמס געדריקט,
וואָס לויפן פאַרביי דיר און קומען אַנטקעגן,
אַט כאַפּסטו אים אָן, און אָט לויפט עס צוריק.
פאַראַנען חלומות ווי ברויזנדע ימען,
וואָס טראָגן ווי כוואַליעס אַוועק דיך אין שטראָם,
און טיף איז דער אָפּגרונט, עס האָט ניט קיין צאַמען,
דו בלייבסט מיטן חלום אַזוי ווי אין תהום.
און ווען דו ערוואַכסט, אַזוי ווי אין צוואַנגען —
ער פאָלגט דיך אַלץ נאָך און האַלט דיך געפאַנגען.

מדינת ישראל

אַ זון פֿאַרגאַנגען, אַ זון גייט אויף,
אין ווייען ראַנגלט זיך דער גוף,
די ווייען פֿון געבורט איז שווער,
און דו, מיין פֿאָלק, ביזט יונג ניט מער.
דאָך דיינע פֿעלדער זיינען גרין,
טעכטער — יונגע, שטאָלצע זין,
וואָס בליען, גליען פֿול מיט מוט,
פֿאַר אונזער אַש, פֿאַר אונזער בלוט.
עס רופֿט אַ שטים, איר הערט דעם קול?
עס הילכט דורך באַרג און דורכן טאָל;
דורך רויטער זון, דורך הייסן זאַמד,
די שטימע פֿון אַ יונגן לאַנד.
עס האָט די שטים צו אונז געבראַכט
אַן ערב־שבתדיק פֿאַרנאַכט;
איז גיך די וואָכיקייט פֿאַרשוואונדן,
פֿון נר־תמיד האָבן ליכט,
שבת־ליכט, זיך אָנגעצונדן.
און עס האָט די וועלט דאָס ליכט דערזען,
און עס האָט די וועלט דערהערט דעם קול
פֿון אונזער יונגן לאַנד ישראל.

ווינטער

דו ביזט, ווינטער, אַזוי קאַלט!
בייז דיין קוק און דיין געשטאַלט,
און די לופט איז פייכט און רוי —
וואָלסטו כאָטש געבראַכט אונז שניי.
עפן דיינע ווינטער־קוואַלן
זאָל פון הימל פאַלן, פאַלן.
מיט ווייסן שניי באַדעק די ערד,
שפּאַן אין שליטן איין די פערד:
היידאַ, לאָז זיי אין גאַלאָפּ
פון דעם ווייסן באַרג אַראָפּ.
ווער דאַרף שטערן, אַ לבנה,
וואָס איז תמיד נאָר פאַרטראַכט?
ברענג אונז שניי היינט אַ מתנה,
וועט שוין ליכטיק זיין די נאַכט.
עס האָט די גרויקייט אונז דערעסן,
לאַנג דעם זומער שוין פאַרגעסן,
און דער פרילינג איז נאָך ווייט;
זיי־זשע, ווינטער, ניט פאַרשייט,
עפן דיינע ווינטער קוואַלן,
זאָל פון הימל פאַלן, פאַלן
אָן אַן אויפהער ווייסער שניי;
בעט די ערד אויס ווייך און גלאַט,
באַהויכט מיט ווינטער אַראָמאַט.

שניי

אין דער לופטן שנייעלעך
שוועבן לייכט און דרייען זיך,
און די קינדער פרייען זיך,
פרייען הארציק זיך אזוי
מיטן ערשטן יונגן שניי.
ווי זאָל מען פריידיק דען ניט זיין?
אז ס׳ווערט די ערד ווי סאַמעט גלאַט
און צעבליט די ביימער ווייס,
כאָטש די בליטן נעם און רייס;
און דער ווינטער-אַראָמאַט
איז ווי שטאַרקער וויין.
און דער הימל צו דער ערד
אזוי נאָענט, נאָענט ווערט,
וואו דו קערסט זיך ווייסקייט בלענדט,
גייסט און אַלץ צו דיר זיך נענט,
אונטן, אויבן — שניי און שניי
שוועבן אום אין איין געדריי.
אַ ווייסער חלום ליגט פאַרקלערט
און בינדט דעם הימל צו דער ערד.

בענקשאַפט

איך האָב זיך פאַרבענקט און איך ווייס ניט נאָך וועמען.
מיר דוכט זיך איך וואָלט צווישן טויזנט דערקענען
נאָך דעם וואָס איך בענק, נאָר איך קען ניט געפינען,
האַלט איך מיין בענקשאַפט אין שפינען און שפינען.
אין האַרץ ביי מיר פעדים פון אַלערליי פאַרבן,
טיף איך פאַרוועב זיי, אום ניט צו פאַרדאַרבן,
צי איך אַ פאָדים דורכזיכטיק דין,
וועב איך מיר אויסעט דעם ווינט,
נעמט ער אַרום מיך, און גלעט און פאַרשווינדט;
קען איך אים מער ניט געפינען,
האַלט איך מיין בענקשאַפט אַלץ ווייטער אין שפינען.
קלייב איך אַ פאָדים אַ ווייסן אַ קלאָרן,
צאַרט ווי אַ קינד וואָס איז נאָר וואָס געבאָרן,
וועב איך מיר אויסעט דעם שניי,
די ווייסקייט די אויגן אַזש בלענדט,
מיר דאַכט כ'האָב מיין ליבסטן דערקענט.
ריר איך זיך צו, הויבט אָן עס צעגיין,
לאָזט מיט דער בענקשאַפט מיך איבער אַליין.
צי איך אַ פאָדים פון לויטערן גאָלד,
וועב איך די זון אויס — כ'האָב זון אַזוי האָלט —
קוקט עס מיט טויזנטער גליאיקע אויגן,
הויבט זיך מיין קערפער פאַר פרייד אָן צו בויגן,
די שטראַלן, צו מיר דאַכט זיך, גליען און ווינקען,
זיי זאַמלען זיך הינטערן באַרג און פאַרזינקען.
מיט נאַכטיקע שאָטנס, געדיכטע און שוואַרץ.
נאָך טיפער די בענקשאַפט עס דריקט אין מיין האַרץ.

הענט

לאַנגע פֿינגער קרעפּטיקע,
אויף קלאַווישן ווי די שלאַנגען
פֿאַלגן אוים באַפֿעלן פֿון דעם האַרץ,
צאַפּלען כישופֿדיק זיך, אין דער לופֿטן שוועבן,
שפּינען, וועבן טענער און געזאַנגען.
די טענער, ווי די פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן,
בלענדן זיך האַרמאָניש אין געוועבן און אוזאָרן —
דאָ ווערן זיי מיט נעפּל בלוי פֿאַרצויגן,
אָט פֿליסן זיי ווי פֿון אַ קוואַל אַ קלאָרן,
און ווי די זון פֿאַרגייען רויט
פֿון רונדיקע אַקאָרדן, פֿולע זאַפֿטיקע, באַגלייט.

וויג־ליד

הערט מיר קינדער, הערט זיך צו,
איך זינג פֿאַר אייך פֿון פֿרייד און רו.
פֿאַר די קינדער איז מיין ליד,
די וואָס שלעפֿעריק און מיד.

צוגעפֿאַלן איז די נאַכט,
האָט זי רו פֿאַר אייך געבראַכט,
אין די וויגעלעך וואָס ליגן,
און די מאַמעס וויגן, וויגן,
זינגען שטיל דערביי זיך צו,
אַלעליולי ליוליוליו.

שוין פֿאַרלאָשן אַלע ליכט,
מיר און פֿענצטער צוגעמאַכט,
דורך די שפּאַלטן שפּאַרט זיך, קריכט
דער לבֿנה׳ס גוטע נאַכט,
און אַ שטערן ווינקט אייך צו,
אַלעליולי ליוליוליו.

פרילינג

איך בין היינט יונג און פריילעך,
אַלץ אין מיר עס קוועלט.
דער פרילינג ווי אַ מלך
ט׳צעלייגט זיך אויף דער וועלט.

און ליב איז ער מיר, טייער,
כאָטש פרילינגס כ׳האָב געזען;
נאָר דער איז גאָר אַ נייער,
אַזאַ נאָך ניט געווען.

די ביימעלעך די יונגע
נאָך גאָר ניט לאַנג פאַרזייט,
מיט בליטן שוין מיט ווייסע
אין גאַנצן ניי באַקליידט.

די גרעזעלעך די יונגע,
קליין, נאָך אַזוי רוי,
שוין פון דער ברוסט דער מאַמעס
זויגן זיי דעם טוי.

אַלץ האָפּערדיק און פריילעך,
מיט יוגנט לאַכט און קוועלט
דער פרילינג ווי אַ מלך
האָט צעלייגט זיך אויף דער וועלט.

אויף פליגל

פויגל, פויגל, פלי נאָר הויך.
פלי און פלי און נעם מיר אויך,
פאַר דער לענג און פאַר דער ברייט
דיינע פליגל פריי צעשפּרייט.
דורך די וואָלקנס זעג און זעג,
ביזן ווייסן זילבער־וועג,
וואו דער ווינד זיין כח שעפּט,
דער רעגנבויגן פאַרבן וועבט.
נעם אהין, אהין מיך מיט,
אויף די פליגל פון מיין ליד
וועל איך מיט דיר פליען, פליען,
וועט מיין ליד זיך דאָרט צעקוועלן,
וועט מיין ליד זיך דאָרט צעבליען.
אַלץ וואָסביידע מיר פאַרמאָגן
וועלן מיר אין ליד פאַרוועבן,
וועט די עכאָ עס דערהערן,
וועט זי ווייט, עס ווייט צעטראָגן.

די גאָלדענע קייט

לאַנג ווי די צייט אונזער גאָלדענע קייט
אַ גייסט האָט געשמידט זי פאַר טויזנטער יאָרן,
אין לענדער אין ווייטע צעזייט און צעשפּרייט
פון גאָלד פון לויטערן קלאָרן.
עס האָט קאָוונע און ווילנע, און קראָקע און לאָדזש
און וואַרשע אַזש ביז תל אביב
געשליפן די רינגען וואָס קלינגען און זינגען
דעם אייביקן אַלטן מאָטיוו.
און טאָמער אַ רינג דאָרט, אַ ניי וואַריאַנט,
עס איז בויגזאַם די קייט, זי שטרעקט אויס איר האַנט
און פלעכט עס אַריין צווישן גלידער אַ גליד,
זינגט שוין דאָס גליד אויך דאָס אייגענע ליד.
וואו האָט זיך גענומען דאָס גאָלד, דער מעטאַל
פון וואָס ס׳איז געשמידט אונזער קייט?
פון פליישׁ און פון בלוט און פון גייסט איז דער קוואַל
און שטאַרקער פון לעבן און טויט.
אויך אין מיין הארץ האָט פון לאַנג שוין אַ פונק
געהאַלטן אין טליען און טליען,
האָב איך אַ רינג מיר אַ קליינעם אויסגעשמידט —
זאָל ווייט פאַר דער קייט זיך עס ציען.
עס מאַכט דאָך ניט אויס צי ס׳איז קליין, צי ס׳אי גרויס?
פון וואָס פאַר אַ לאַנד, פאַר אַ וועג?
דעם זעלביקן אָטעם עס אָטעמט ארויס
און ציט צו דעם אייגענעם ברעג.
נעם אויך מיין רינג, פלעכט איין אין דער קייט,
וואָס איז אייביק און שטאַרקער פון לעבן און טויט.

מיינע שטערן

מיינע שטערן שטיל באַשיידן
פינקלען אין מיין הימל בלאָס,
מילדע רייד צו מיר זיי ריידן
אויף אַ זייטיק שמאָלער גאַס.

עס איז מיין גאַס אַליין אַ ווינקל
אין אַ שאָטנדיקן וואַלד,
ווערט מיין וועג אַמאָל פאַרטונקלט,
ווייזט זיך מיר אַ שטערן באַלד.

אין מיין ווינקל קומט ניט קיינער,
איך בין דאָרטן, איך אַליין נאָר,
הער זיך צו די שטערן צו,
אַז איך דערהער זיי און פאַרנעם זיי
קומט צו מיר געווינטשטע רו.

מיינע שטערן זיינען בלייבע,
זיי באַמערקט מען קוים,
זיי וועלן קיינמאָל זיך צעגליען
אין קיין פלאַקער פלאַם.

נאָר די פלאַמען מיר דערווידער,
מיר זיינען נאָענט מילדע רייד,
איך וועב זיי איין אין מיינע לידער
פריי איך זיך מיט שטילער פרייד.

שוין ווידער

שוין ווידער, שוין ווידער די כמאַרעס די שוואַרץ
זיי שפּרייטן זיך ווידער און שרעקן מיין האַרץ,
נאָך שוועבן די שאָטנס פון נעכטן אין גרויל,
דער הימל אַליין ניט געלויטערט זיך וואויל,
נאָך האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן קיין גנאָד,
שוין קרייזט זיך אַרום דער לבנה אַ ראָד
און עפּעס פאַר מאָרגן עס צייכנט און מעקט —
ווער וויים וואָס עס צייכנט? נאָר אומרו עס וועקט.
שוין ווידער, שוין ווידער די כמאַרעס די שוואַרץ,
זיי קלייבן זיך ווידער און שרעקן מיין האַרץ.

אַז עס וואַקסט אַ בוים

אַז עס וואַקסט אַ בוים,
וואַקסן אויף אים צווייגן,
אויף די צווייגן בלעטער —
איז ער ניט אַליין.
ווייזט זיך פרילינג נאָר,
גלייכט זיך אויס דער בוים
און צעבליט זיך העל,
און צעגרינט זיך שנעל,
וואַקסט אים גיך, געשווינט
אויס אַ גאַנץ געזינד.
בליט דער פרילינג אָפּ,
גרינט זיך זומער אויס,
פאַלט אַ בלאַט אַראָפּ,
ליגן זיינע וואָרצלען טיף באַהאַלטן.
כאָוועט עס די ערד
און דער ווייסער שניי
דורכן ווינטער קאַלטן.
האָט אַ מענטש וואו מיט
ערגעץ וואו אַ גליד,
ווי דעם צווייג דער בוים,
איז ער ניט אַליין.
ווערט זיין האַרץ אים מיד,
ווערט זיין אויג אים שווער,
קומט צו אים דאָס גליד
ווישט אים אויס די טרער,
גלעט דעם מידן קאָפּ,

קושט דעם קאַלטן מויל,
ווערט אים לייכטער גאָר,
ווערט אים, דאַכט זיך, וואויל.
קומט די לעצטע שעה,
רופט אים ווייט אַוואַ,
בלייבט זיין וואָרצל דאָ
שלאָפט ער איין אין רו.

דאָראָטי

ניט ווי אַ ליכט וואָס צאַנקט לאַנגזאַם און שטיל,
אין רעגנט געצײלטע, געשווינדע
האָט זיך איר לעבן פאַרלאָשן,
בלויז מיט איין אײנציקן הויך פון זײַן אָטעם.
עס האָט עס פאַרלאָשן דער ווינט.
דער אייגענער ווינט,
וואָס האָט ווי אויף פליגל זי אימער געטראָגן,
אַ שיינע, אַ האַרציקע ליבע,
אַ שמעטערלינג לײַכט, וואָס האַלט אין איין שוועבן,
דער זעלביקער ווינט האָט פאַרלאָשן איר לעבן.
עס ווילט זיך ניט גלויבן, אַזוי איז געשען.
איך האָב זי אַ שטילע געזען,
אַ שמייכל אַ מילדער אויף די ליפּן פאַרצויגן,
די וויעס די לאַנגע אַריבער די אויגן,
צוקאָפּנס אַ ליכט האָט געברענט,
פון שאָטנס אַ נעץ אויף די ווענט.
פון ליכט האָט זיך לאַנגזאַם געשלענגט אַ פלעמל,
אַ בלוילעכער פלעמל אַ בלייך,
געצאַנקט און פאַרצאַנקט אויך אין אויביקן דרעמל,
געלאָזן אַ שנירל אַ דינעם פון רויך.

אין דער גרויער נאַכט

ווי א פויגל ווי א בלויער
איך וויים ניט ווען דאָס איז געשען,
אין אַ כמורער נאַכט אַ גרויער
כ'האָב אין חלום דיך דערזען.

די בלויע פליגל פריי צעשפרייט
האָסט אין די וואָלקנס זיך געטראָגן,
און עס איז מיין הארץ געווען דאַן גרייט
דיר אַזוי פיל, אַזוי פיל זאָגן.

עס האָט מיין שטים געוויינט, געבעטן,
אַ נידער, נידער זיך אראָפּ,
כ'וועל דיינע סאַמעט פליגל גלעטן
און גלעטן דיר דיין שטאָלצן קאָפּ.

איך האָב געצויגן מיינע גלידער
און מיינע הענט צו דיר געשטרעקט,
קום אַרונטער, נידער, נידער,
איידער דער מאָרגן קומט מיך וועקט.

האָסט זיך געטראָגן אין די הייכן,
ברייט די פליגל אויפגעמאַכט,
ס'האָט דיר פאַרפעלט מיין שטים דערגרייכן,
עס האָט זי פאַרצוקט די גרויע נאַכט.

צום נידער

די זון דעם טאָג פאַרשלינגט,
צום נידער זינקט און זינקט,
פון נידער נאָך אַ שטראַל
איין איינציקער עס ווינקט.

עס ווערט דער שטראַל ניט באַלד,
פאַרשווינדט הינטערן באַרג,
אין אָפּגרונט זיך באַהאַלט.

עס איז מיטן טאָג אַוועק,
אויף אייביק ווער אַוועק,
און וועט צוריק ניט קומען
ניט מער מיט זיבן זונען,
אויף אייביק ווער אַוועק.

די נאַכט

די נאַכט ווי אַ בעטלערין שלייכט זיך אַריין,
קלייבט אויף אין איר טאָרבע די רעשטלעך פון שיין,
צעפּאַכט די פאַלדן פון איר טונקעלן קלייד,
ווי קערנער אין זשמעניעס די שאָטנס צעזייט.
און איידער אין הימל אַ שטערן זיך צינדט
די טאָרבע, די בעטלערין ווערט ניט, פאַרשווינדט,
אַ קעניגין בלויע אַנטפּלעקט זי זיך באַלד
פאַרפּוצט אין בריליאַנטן, אין זילבער און גאָלד.
זי זעצט זיך אַוועק אויף איר גאָלדענעם טראָן
און עס הויבט זיך איר קעניגרייך אָן.
ווי לאַנג זי דאָ קעניגט? עס מאַכט גאָר ניט אויס —
ביזוואַנען עס לעשן די שטערן זיך אויס;
זי זיצט זיך געמיטלעך און האַלט אין איין וועבן
דעם גורל פון טויט און פון לעבן.

די ליידיקע וויג

איך האָב מיין פרייד, מיין שטילע פרייד
איינגעוויגט ס'זאָל שלאָפן,
איז עס דורך דער נאַכט פון מיר
ערגעץ־וואו אַנטלאָפן.
בין איך אין דער נאַכט אַליין
ביי דער וויג געבליבן,
און די ליידיק, נאַקעט וויג
געהאַלטן אין איין וויגן.
ווי אַ שומר דורך דער נאַכט
געהאַלטן אין איין וואַכן,
ביז די ליידיקייט אַליין
האָט פון מיר אָנגעהויבן לאַכן.

דער חלום

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן בלויז אויף עטלעכע מינוט,
האָט זיך מיר געחלומט אַזאַ לאַנגער חלום,
וואָס האָט אָן אויפהער זיך געצויגן
און פאַרגליווערט מיר דאָס בלוט.
איך בין געגאַנגען אויף אַ ברייטן לאַנגן שליאַך,
אַרום האָט זיך קיין לעבן ניט געשפּירט,
אַ שטיבל בלויז איין איינציקע געשטאַנען אָן אַ דאַך
און עס האָט אַ קוימען זיך געשלייכט צום הימל הויך,
פון קוימען האָט געשלאָגן קנוילן שוואַרצער רויך,
עס האָבן פונקען דאָרט געקנאַלט און זיך געשפּריצט,
ווי שטורעם וואָלט געדונערט און געבליצט,
דעם רויך געוויקלט און צעטראָגן האָט דער ווינט —
און אליין געוואָיעט האָט ער ווי מחנות בייזע הינט.
און איך אַליין, איין־איינציקע, אויפן ברייטן שליאַך
ווי דאָס קליינע שטיבל, איינזאַם אָן אַ דאַך.
עס האָט דער חלום זיך אָן אייביקייט געצויגן,
ביז עס האָט דער ווינט אין פענצטער אָנגעקלאַפּט;
אַז איך האָב מיר אויפגעכאַפּט, געעפנט מיינע אויגן,
בין איך ווי אייז געווען דאַן קאַלט
און עס האָט זיך מיר געדאַכט
אַז איך בין שוין זייער אַלט.

ביים דעלעווער

אויפן דעלעווער זעגלען שווימען
די ווייסע פליגל אויפגעמאַכט,
ווי ווייסע שטילע טויבן
אין שטילן קומענדן פאַרנאַכט.

עס האַלט די זון אין אונטערגיין
און בלענדט די ווייסע זעגלען רויט,
זיי טונקען זיך אין טייך צעפלאַמט.
ביז נידעריק די זון פאַרגייט.

דער הימל לויטערט בלוי זיך אויס
און איינס נאָך איינס זיך שטערן צינדן,
די ווייסע זעגלען זיינען בלוי,
אין דער בלויער נאַכט פאַרשווינדן.

דער ניט געשריבענער בריוו

איך וואָלט, מיין פריינט, געוואָלט דיר שרייבן
וואָס אין האַרץ באַהאַלט זיך טיף,
מיט דיר זיך טיילן און דערציילן,
נאָר עס שרייבט זיך ניט קיין בריוו.
איך האַלט אַלץ צייט אין לייען, באָרגן,
אָנגעבאָרגט שוין פולע זעק,
אַט הויב איך אָן, לייג אָפּ אויף מאָרגן,
גייט דער מאָרגן אויך אַוועק.
די געדאַנקען ווי אין קנופּן
האַלטן זיך אין פלעכטן, בינדן
שפּייכלערס פול מיט זאַנגען,
נאָר ווי קערנער פון ווייץ און קאָרן
ווערן זיי אין מיל צעמאָלן
און עס צעזייען זיי די ווינטן —
בלייבן בלויז פאַרלאַנגען.
דאָך אין האַרצן ביי מיר טיף,
אפשר מאָרגן, אפשר היינט,
עס האַלט אין יוירן זיך אַ בריוו —
אַ בריוו פאַר דיר מיין פריינט.

צו מירע׳ן

האַרציק, קליינע, ליבע מירע, —
אַ ים אַ טיפֿער אונז צעשיידט,
דאָך קלינגען צו מיר ווי פֿון אַ לירע
דיין קינדיש פּלאַפּלען, דיינע רייד.

איך זע און הער דיך פֿון דער ווייטן ;
מיט דיר נאָענט כ׳בין באַקענט,
כ׳פֿיל דיין קינדיש ברייטן שמייכל
און דיינע פּוכקע קליינע הענט.

כ׳האָב דיין אויסזען, מירע,
אַליין זיך אויסגעמאָלט —
אַזאַ ביזטו מיר טייער,
אַזאַ האָב איך דיך האָלט.

עס גייט אַוועק אַ שיף

עס גייט אַוועק אַ שיף
אין דער ווייטער וועלט,
איבער ימען טיף
גליטשט זיך אַ געזעצלט.

רוישיק איז דער ים,
רוישיק אויפן דעק,
אַ קוש, אַ גלעט ביים צאַם —
די שיף גייט באַלד אַוועק.

דאָ לאַכן הערצער יונג,
און דאָ, אַ שטיל געוויין,
אָט שוין דער לעצטער קלונג,
און עמעץ בלייבט אַליין.

די שיף מען זעט ניט מער,
שוין ווייט איז זי אַוועק;
וועט זי באַגריסן ווער
דאָרט אויף דעם אַנדער ברעג?

מיין באָבע

מיין באָבע... איך געדיינק זי קוים
אין זכרון מיר פאַרבליבן בלויז איר קול,
די לידער וואָס זי פלעגט אונז זינגען,
די משיות וואָס זי פלעגט דערציילן אָן אַ צאָל.
אַ מעשה מיט צוויי ברידער
אַ גוטן און אַ שלעכטן,
דעם אויסגאַנג פון דער מעשה,
דעם משפט דעם גערעכטן.
די לידער זיינען ערגעץ ניט פאַרשריבן,
איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון זיי קיין ברוס,
בלויז די ניגונים זיינען מיר פאַרבליבן
אין האַרץ ביי מיר זיי וואַנדערן אַרום.
דאָך פון די מעשיות און ניגונים
איך האָב מיך אויסגעמאָלט איר אָנבליק, איר געשטאַלט,
אַז זיי צווינגען זיך, ווער איך אַ קינד נאָך
און זי, מיין באָבע, אין איר שוים מיך האַלט.
אַ שבת׳דיק פאַרנאַכט,
מיט וואָכעדיקע שאָטנס ווערט די שטוב פאַרפילט,
אין שול מען דאַווענט איצטער מנחה, מעריב
און מיט איר ניגון זאָגט זי : גאָט פון אברהם, פון יצחק, יעקב.
און דורכן פענצטער קוקט אַרויס
צי האָבן זיך אין הימל שוין באַוויזן שטערן,
דער ווייסער טישטעך אויפן טיש פון שבת לויכט נאָך
נאָר אָט דעם זיידעס טריט עס לאָזן זיך שוין הערן :
אַ גוטע וואָך ! אַ גוטע וואָך !
מען צינדט הבדלה ליכט באַלד אָן,
מיט וויין מיט רויטן, זאַפטיק רויט
דעם שבת מען באַגלייט.

מיין איינציקער איינער

איך קוק אויפן הימל, לבנה און שטערן,
זיי האָבן זיך גאָרניט געביטן,
אַזוי ווי אַמאָל זיי פינקלען און קוועלן
זיי האָבן פון קיין זאַך געליטן.
אַזוי ווי אַמאָל ווען דו נאָך אַ קליינער —
ביי מיר אויפן שויס ביזט געזעסן,
געטוליעט צו מיר זיך מיין איינציקער איינער,
ווי וואויל איז אונז דאַמאָלסט געוועזן.
איך פלעג דיר מעשה׳לעך שטילע דערציילן
און דו אַלץ דערצייל און דערצייל,
ווער קען דעם קוואַל פון די מעשיות געדיינקן
איך געדענק בלויז מיט דיר איז געווען אַזוי וואויל.
וואו כ׳בין געשטאַנען, וואו כ׳בין געגאַנגען
דו ביי מיין זייט ביזט געווען אומעטום,
פון דיר האָט אַ קוואַל דאַן געשטראָמט מיט פאַרלאַנגען —
אַלץ וויסן און פרעגן וואַרום? און וואַרום?
וואו האָב איך די ענטפערס די אַלע גענומען
צו שטילן דיין נייגער דיין דורשט?
איך ווייס גאָר אַליין ניט, זיי זיינען געקומען
געקומען פון זיך אומבאַוואוסט.
דו האָסט זיך געטוליעט, אַרום מיר זיך געוויקלט
ווי אַ צווייגעלע אַ יונג אַרום בוים,
דער בוים האָט געבליט גענערט דיך געהיט
זאָלסט וואַקסן און בליען אין רוים.
אַצינד האָסט צובליט זיך אַליין אין אַ בוים
און איך בין דיין וואָרצל דיין שווער,
מיך ציט צום נידער און דיך צו דער הויך,
און דאַרפסט מיינע ענטפערס ניט מער.
דאָך האַלט דיך מיין וואָרצל אין שפייזן און נערען
און לאָזט דיך ניט נאַקעט און הייל,
ביז איך אַליין וועל פאַרדאַרן, פאַרצערן,
ווי גוט איז מיט דיר און ווי וואויל.